בס"ד

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת תצוה תשפ"ד • שנה ה' • #210



## א גרוס פון בית שמש

**מו"ה שלמה מינצבערג הי"ו**
גבאי בית המדרש היכל הקודש ברסלב בית שמש שילדערט זיין אינהאלטסרייכע סיפור התקרבות אינאיינעם מיט א באריכט וואס עס ליגט אלס אינטערן טיטל "גבאי בית המדרש היכל הקודש"
זייט 20;


נייעס:
**ענדליך דא צו באקומען מעשה'לעך חלק ב'** | 7

א שיחה פון דער ראש ישיבה:
**דער נ נח שטות** | 11

ברסלב'ע שטוב:
**פורים קטן** | 27

# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:
אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, נפתלי הירצקא װאללנער מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג.



צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169




3 **שטעטל נייעס**
נייע הצלה גאראדזש


4 **היכל הקודש נייעס**
עס-זאַל אין אומאן ווערן בעז"ה ווערן אריבערגעפירט צו א גרויסע טענט


8 **געדאנקען**
טראַלאַ-לאַלאַנד


14 **מעשה פון א צדיק**
הסתלקות פון רבי נחמן טולטשונער זי"ע


20 **א גרוס פון בית שמש**
א שמועס מיט מו"ה שלמה מינצבערג הי"ו


29 **פאר די ברסלב'ע שטוב**
פורים קטן


## זמנים Liberty
תצוה ט"ו אדר-א תשפ"ד

הדלקת הנרות........... 05:23
מוצאי שבת............ 06:55

מנחה מעריב כי תשא.... 06:40

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 23 | 40°/19° | Showers |
| Sat 24 | 26°/17° | Partly Cloudy |
| Sun 25 | 38°/28° | Partly Cloudy |
| Mon 26 | 43°/27° | Partly Cloudy |
| Tue 27 | 43°/34° | Rain/Snow Showers |
| Wed 28 | 43°/33° | Showers |
| Thu 29 | 40°/30° | Rain/Snow |
| Fri 01 | 41°/26° | AM Snow Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אלץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר
**מו"ה דוד ראבינאוויטש הי"ו**
**וזוגתו גיטל תחי'**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר
**מו"ה נחמן נתן בוים הי"ו**
**וזוגתו סימא תחי'**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

גרשון קרעמער



# דער שטויסקראפט פון א פליגער

שאלה: א ישר כח פאר אייערע שיינע ארטיקלען, נייעס און ידיעות, אלעס אזוי שיין מסביר געווען, ווי מען קען אייביג ארויסנעמען ווי דער אייבערשטער פירט די וועלט. איר האט זייער שיין מסביר געווען וויאזוי דער עראפלאן קען זיך האלטן אין די לופטן דורכדעם וואס עס פארט זייער שנעל וכו', אבער איך וויל פארשטיין וויאזוי טאקע רוקט זיך אן עראפלאן אין די לופטן? איך וועל מסביר זיין מיין שאלה, ווען א זאך געפונט זיך אויף דער ערד, האט עס רעדלעך וואס דרייען זיך און שטופן עס פאראויס, אבער ווען עפעס איז אין די לופט, מיט וואסאפארא כח קען זיך דער עראפלאך שטופן פאראויס, און פליען אזוי שנעל? מיט דאנק, אברהם ק.

ענטפער: שאלת חכם חצי תשובה, כדי צו ענטפערן וועלן מיר מאכן א הקדמה. שטעל דיך פאר א מענטש זיצט גוט איינגעבינדן אויף א שליטן (סלעד) וואס זיצט אויף א גלאטע גלאנציגע דיקע שיכט אייז, ער נעמט א גרויסן שווערן אביעקט און ווארפט עס מיטן גאנצן כח אויף פאראויס, וואס וועט געשען מיט אים, וועט ער זיך רוקן פון פלאץ? אויב יא, צו וועלכע ריכטונג? טראכט א מינוט. יא, האסט גוט צוגעטראפן, דער מענטש מיטן שליטן וועט זיך רוקן אויף צוריק צו וועגס, פארקערט פונעם ריכטונג וואס ער האט געווארפן דעם שטיין. דער אויבערשטער האט אזוי באשטימט אז "כל דבר נתפעל מהפכו", אויב מען שטופט עפעס פאראויס, ווערט דער ווארפער געשטופט אויף צוריק.

הקדמה נומער צוויי: דאס פארשטייט יעדער אז רוקן עפעס אויף אייז וועט זיין אסאך גרינגער ווי עס רוקן אויף זאמד אדער שטיינער. אבער לאמיר זיך פארשטעלן א בילד ווי מען לייגט אריין דעם שליטן אין א לאנגען שמאלן קארידאר וואס האט פלאץ אין די ברייט בלויז פארן שליטן און גארנישט מער. אויף די גאנצע לענג פון די ערד וועט מען אויסלייגן גאר שטארקע מאגנעטן, און אזוי אויך אונטער די שליטן ווען מען לייגן די גאר שטארקע מאגנעטן, יעצט וועט מען איבערדרייען די מאגנעטן פארקערט אז עס זאל אוועקשטופן די מאגנעטן פון אונטער די שליטן, דער שליטן וועט זיך נישט קענען זעצן אויף דער ערד בשום אופן, און צוליב די שמאלקייט וועט דער שליטן מוזן בלייבן שוועבן אין די לופט אביסל העכער דער ערד. יעצט ווען איינער זאל געבן אפילו א קליינע שטופ, וועט עס פליען זייער גרינג, עס וועט נאך זיין אסאך גרינגער ווי שטופן אויף אייז, און אויב ער וועט ווארפן א שטיין פונעם שליטן אויף פאראויס וועט זיך עס רוקן אסאך גרינגער און ווייטער ווי אויף די אייז.

די גרויסע היינטיגע פליגערס האבן דזשעט מאטארן, וואס אָן ארייננעמען וויאזוי דאס ארבעט, בלאזן זיי ארויס גאזן (לופט) אויף צוריק צו וועגס; צום ביישפיל דער באואינג 737 האט צוויי מאכטפולע מאטארן וואס בלאזן ארויס אויף צוריק מיט א שטארקייט פון איבער 700 מייל פער שעה. און ווילאנג דער פליגער איז נאך אויף די ראנוועי רוקט זיך עס טאקע פאראויס דורך די רעדער, אבער איינמאל עס איז אין די לופט, און נאך מער ווען עס איז שוין הויך אין די לופט, קען די שטארקע קראפט פון די לופט וואס ווערט ארויסגעבלאזן פון די מאטארן שטופן דעם ריזיגן פליגער אויף גאר א שנעלע ספיד. דאס איז טאקע די סיבה פארוואס די פליגערס פארן ארויף אזוי הויך צווישן 30,000 און 40,000 פוס אין די לופט, צוליב וואס די לופט דארט איז שוין גענוג שיטער אז עס איז זייער גרינג פארן פליגער צו פליען שנעל, אבער די לופט האט נאך גענוג דיקעקייט צו קענען האלטן דעם פליגער וואס האלט זיך אויף די לופט.

לופט איז ממש א גארנישט. לויט ווי עס זעט אויס פאר אונזערע אויגן איז גארנישט אזוי שוואך ווי לופט, אבער ווי מיר זעען דא האט עס שוין גאר אסאך כח. פאר א מענטש קען זיך דאכטן וואס איז שוין אז איך זאג א ווארט צום אייבערשטן, עס איז בלויז אביסל לופט. אבער פון דעם זעט מען אז אז מען טאר נישט אונטערשאצן אביסל לופט. ווייל אין הימל איז עס שוין גארנישט קיין קלייניקייט. פונקט ווי מיר זעען ווי א ריזיגער פליגער קען ווערן געשטופט דורך בלויז אביסל לופט, אזוי אויך קענען מיר רוקן אלע מויערן מיט אונזער לופט פון אונזער מויל. ווען מיר זאלן ווען וויסן וואס א תפלה צום אייבערשטן קען פועל'ן וואלטן מיר נישט אויפגעהערט צו רעדן צום אייבערשטן.

אויב האט איר סיי וועלכע נושא וואס איר ווילט מיר זאלן באשרייבן, קענט איר שיקן אן אימעיל צו askgershon@gmail.com, און מיר וועלן פרובירן צו ענטפערן כיד ה' הטובה עלינו.

# שפעקולאציעס

### פורים קטנ'דיג

## איזו-ריט

איך הער אים שרייען הויך 'פוטח @ ידיך ומשביע...'

איך האב געמיינט מי יודע ווער דאס איז, איך געב א קוק, עס איז א היימישער יוגנט-חבר מיינער.

המממ... קען זיך דאכטן אז ער איז א פולשטענדיגער 'ישראלי',

ווען נישט דער וויליאמסבורגער'ישער אקצענט וואס קען זיך פון אים נישט טיילן...

אבער דאס האט מיר אריינגעווארפן אין א שפעקולאציע...

יעדע מדינה האט זיך א געוויסע אות וואס זיי קענען נישט ארויסזאגן.

דער רוס קען נישט ארויסזאגן קיין ה', אלעס וועט גיין מיטן חחח... מיטן רוסישן נאז.. חאלאו...!

ווידעראום דער מאדיארער (אונגארישער) איז פונקט קאפויער,

אלעס דארט איז מיטן ה' הידוע...

דער ה'תן איז געגאנגען צום ה'ופה ביי די ה'תונה...

דער אמעריקאנער האט ארויסגעשניטן דעם ח' פון זייער לעקסיקאן,

ער ווייסט ניטאמאל פון זיין 'חית' צו זאגן.

ער וועט אלעמאל סטאק ווערן מיטן CH פונעם אידיש געשריבענער יצחק אדער נחמן,

מיט נחמן וועלן זיי זוכן דעם גרינגן וועג ארויס... נאטשמן...

אבער יצחק איז שוין גאר קאמפליצירט,

ווייל עס האט סיי דער צ' און גלייך דערויף דער ח',

מיט יצחק וועלן זיי זיך בכלל נישט קענען קיין עצה געבן.

דער ישראלי ווידער קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט ט' ס' ש' ת' ת'

אלעס איז טא טא טא...!

ציניקער זאגן אז אין איינס פון די ארכאלאגישע געפינסן אין ישראל,

האט מען הפנים געטראפן איבערבלייבענישן פון קבר פון סרח בת אשר,

זיי האבן שוין געוואלט אנהייבן ציען מסקנות,

ווען פלוצלינג האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס איז גאר די קבר פון תרח.

לא בחינם אונזער באקאנטער @ וועלן זיי רופן שטרודל,

ווייל אז נישט בלייבן זיי לעקיש מיטן

'את'...

מענטשן זענען זיך טועה, זיי מיינען אז היברו איז לשון הקודש,

הגם עס איז באזירט אויף לשון הקודש מיט די ספרד'ישע 'העברה',

יא אוודאי, מיט די שפראך האבן זיי 'מעביר' על הדת געווען די ספרד'ישע אידענטום,

אודאי גוט געזאגט 'ספרד'ישע העברה' על הדת...

על הדת אדער על הדאט?

יא יא דער גאנצער ציל פון די מדינה איז אויסצורייסן דעם דת,

נו וועלן זיי ווייטער זיך דארפן ספראווען מיטן דאט,

וואס הגם די פינטל/דאט (.) ענינים וואלט באלאנגט 'צום פינטל',

אבער אזוי ווי זיי האבן ארויסגעטשעקט לעצטנס,

וועלן מיר זיך מוזן ספראווען מיטן פינטל...

דאס וועסטו טאקע אלעמאל זען,

דער ישראלי אנשטאט אונזער באקאנטער 'דאט-קאם',

וועט ער זאגן נקודה קאם.

דער אפיקורס ומסית ומדיח לעזער פערלמאן פון פלאצק שם רשעים ירקב (בן יהודה בלע"ז)

איז געזעצן טאג און נאכט איבער ספרי קודש,

געזוכט ווערטער פאר זיין נייע שפראך,

און ווען ער האט געטראפן א הייליגווארט,

האט ער געמאכט דערפון עפעס וואס

זאל מיינען נידריג און ביליג,

אויסצורייסן יעדע קדושה פון לשון הקודש.

עס איז וואונדערליך ביז גאר,

ווי דער סמ"ך מ"ם האט אזוי מצליח געווען,

צו פראדוצירן א נייע שפראך,

וואס מיט דעם האט ער אוועקגעפירט אידן פון אידישקייט.

ווען מען טראכט נאר אריין,

איז דאס די איינציגסטע נייע שפראך,

וואס איז דירעקט פארפאסט געווארן אויסצורייסן די תורה.

אזש דער שרייבער האט געפייגערט שבת מיטן פעדער אין די האנט,

אינמיטן זוכן ווערטער פון אונזער הייליגע שפראך און דאס מטמא זיין.

איז הערנדיג א חבר זיך בארימען אז ער רעדט גאר איוו-ריט,

איז אריין די שפעקולאציע,

אז ס'ממש שווער צו הערן מענטשן באניצן זיך מיט דעם שפראך,

מילא די וואס זענען אויפגעוואקסן דערמיט,

קענען דאך נישט עפעס אנדערש,

אבער גיין און מאכן דערפון א עבודה זרה,

שטעכט עס יעדעס מאל ווען מען הערט עס,

ווייל דאס דערמאנט דער ציל דערפון.

**לייען עס איבער מיט ישוב הדעת!**

# שטעטל נייעס

## ערשטמאליגע אסיפות הורים אין שטעטל



אין א ערשטמאליגן שריט האט מען דאס יאר צוזאם געברענגט די עלטערן מיט די חשובע מלמדים, זיך צו דורכרעדן וואס די קינדער טוען יעדן טאג צווישן די פיר ווענט פון חדר.

דער ראש ישיבה האט געבעטן פונעם חשובן מנהל מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א אז ער וויל דאס איינפירן ביי די אינגלעך. פארגאנגענעם מיטוואך זענען די עלטערן אריבערגעקומען אין חדר צו אדורכשמועסן מיטן מלמד דעם קינד'ס מעלות, און אזוי אויך ווי מען קען נאך פארבעסערן.

דערנאך האט מען געהערט א גאר וויכטיגע שמועס פונעם מנהל שליט"א וואס מען טוט אלץ אינעם מוסד פאר די קינדער און וואס די עלטערן קענען ארויסהעלפן בעסער צו מאכן פארן מוסד.

נאכן דרשה פונעם מנהל שליט"א האט מען געהאט א סופרייז אז דער ראש ישיבה איז געקומען זיך באטייליגן ביים אסיפה און אויפגעטרעטן מיט א הערליכע שיעור, ארויסברענגעדיג די וויכטיגקייט פון ארבעטן צוזאמען מיט די מוסד, מען זאל זיך קיינמאל אפהאלטן פון קומען זאגן א זאך וואס מען שפירט אז מען דארף פאררעכטן, אזוי אויך דארף מען זען אינדערהיים צו רעדן זייער שיין פונעם רבי אדער מנהל שליט"א. מען קען הערן דעם גאנצן שמועס אויף קול ברסלב 212-444-9191.

די אסיפות הורים האט גאר שטארק אויפגעוועקט אלע עלטערן צו האבן א שטיקל אינערליכע בליק וואס מען טוט אלץ אינעם מוסד פאר די קינדער אז זיי זאלן אויסוואקסן מיט אמונה אינעם אייבערשטן, און ליב האבן מצוות זייער גאנצע לעבן.

## נייע הצלה גאראדזש אין שטעטל



שוין א לאנגע צייט וואס מען ארבעט אינערהאלב די הצלה אגענטור אז מען זאל האבן א ריכטיגע פלאץ צו האלטן די הצלה באס אינעם שטעטל על כל צרה שלא תבוא, אבער עס האט זיך נישט קיין זאך פאראויס גערוקט.

לעצטנס איז איינע פון די חשובע וואלונטירן מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו אנטקעגן געקומען מיט א פלאן אז ער איז גרייט אוועקצוגעבן זיין פלאץ וואס איז אויפן ראוד 52 און איז פונקט אינמיטן צווישן די ערשטע אין די צווייטע געגענט אין שטעטל. נאכן עס איבעררעדן מיטן ראש ישיבה שליט"א און אזוי אויך נאכדעם וואס די בעלי בתים פון הצלה זענען געקומען קוקן דעם פלאץ איז עס באשטעטיגט געווארן אלס א ריכטיגע פלאץ געאייגענט פאר דעם צוועק, ווי מען האלט יעצט איז שוין דאס געווארן זייער שיין אהערגעשטעלט פאר צוויי פארקינגס, איין באס וואס וועט זיין אין באנוץ און איינס אלס א בעקאפ ווען די ערשטע דארף דורכגיין מעינטענענס.

ביי דעם געלעגענהייט טוען מיר זיך הערצליך באדאנקען פאר מו"ה אברהם יושע נרו יאיר פארן אוועקגעבן דעם פלאץ פארן ציבור, און אזוי אויך טוען מיר זיך באדאנקען פאר אלע חשובע וואלונטירן וואס לויפן העלפן 24 שעה ווען מען דארף נאר.

ואחרון חביב פאר די חשובע הצלה ארגאניזאציע וואס שטייט צו הילף פארן שטעטל מיט אלעס וואס פעלט זיך נאר אויס. דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן פון אלעם גוטס. מוהרא"ש זי"ע פלעגט שטענדיג זאגן אז אין די זכות פון די חשובע וואלונטירן וועט משיח קומען, ווייל די גרעסטע זאך איז טון חסד.

**כל המציל נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא!**

היכל הקודש

# נייעס

אומאן

## עס-זאַל אין אומאן וועט בעז"ה ווערן איבערגעפידט צו א גרויסע טענט



אנשי שלומינו דאנקען דעם אייבערשטן אז מען האט זוכה געווען צו קומען צום הייליגן רבי'ן פארגאנגענעם ראש השנה, און מען בעט דעם אייבערשטן אז מען זאל זוכה זיין אויך אויף קומענדיגן יאר ראש השנה תשפ"ה צו קענען אנקומען צום הייליגן רבי'ן.

אלע וואס האבן מיטגעהאלטן פארגאנגענעם ראש השנה תשפ"ד האבן געזען אז דער בנין איז שוין איבערגעפולט על כל גדותיו, מען האט ברוך השם שוין געקויפט עטליכע ריזיגע שטחים נעבן דעם בנין ווי מען וועט זיך קענען פארברייטערן מיטן אייבערשטנ'ס הילף. די מערסטע ענגשאפט האט זיך אנגעזעןביים עסן, אין די ערשטע יארן פונעם בנין פלעגט מען עסן אינעם גרויסן עס זאל אינעם בעיסמענט, אבער אין די לעצטע צוויי יאר האט מען בלית ברירה געמוזט פארוואנדלען דעם בית המדרש אין א דיינינג רום נאך יעדע תפלה.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען בויען א נייע הערליכע בנין אויף איינע פון די שטחים דערנעבן, אבער ביזדערווייל האט דער ראש ישיבה באשלאסן אויפצושטעלן א גרויסן טענט. אויף איינע פון די גיגאנטישע שטחים וואס די קהילה פארפיגט נעבן דעם בנין וועט מען אראפשטעלן א געהעריגע צעמענטענעם פלאר, אויף וואס מען וועט אויפשטעלן א באקוועמע ריזיגע טענט מיט גענוג און נאך פלעצער בהרחבה גדולה, אויפן פארנעם ווי אנדערע הכנסת אורחים טוען אין אומאן, וואס וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף צוגעבן צום הרחבת הדעת פון אלע וואס קומען אויף ראש השנה ווילן אינעם בנין. און דער בית המדרש וועט קענען פארבלייבן נאר לתורה ולתפלה במשך דעם גאנצן מעת לעת.

קרית ברסלב

## מעשה'לעך פאר קינדערלעך אידיש חלק ב' ארויס פון דרוק



אין די יעצטיגע טעג איז ענדליך אנגעקומען אין קרן הדפסה א ריזיגע שיפמענט פון די שטארק נאכגעפרעגטע ביכלעך פאר די קינדער - די שוין היינט בארימטע סעריע "מעשה'לעך פאר קינדערלעך". די שיפמענט אנטהאלט די פאלגענדע דריי ביכלעך.

צום ערשט ליגט דערין "מעשה'לעך פאר קינדער אידיש נומער איינס" וואס איז צוכאפט געווארן דורך די מאסן ביים ערשטן דרוק אויף א פארנעם וואס מען האט זיך נישט געקענט פארשטעלן,

צו דעם איז אנגעקומען די לאנג ערווארטעטע "מעשה'לעך פאר קינדערלעך אידיש נומער צוויי", וואס איז יעצט צום ערשטן מאל דא צו באקומען.

מען האט געדרוקט דערפון גאר א גרויסע קוואנטום נאכן זען דעם גרויסן פארלאנג פונעם ערשטן חלק, מיט דעם אלעם האפט מען עס וועט זיין גענוג פאר אלע וואס זוכן עס, און עס איז כדאי זיך עס איינצוהאנדלען וואס שנעלער איידער עס גייט אויס.

אזוי אויך איז אנגעקומען די ענגלישע ווערסיע פונעם ביכל די ערשטע חלק "ליטל סטאָריס פאָר ליטל סאָולס" וואס איז איבערגעטייטש פון די אידישע קונטרסים וואס ווערט פארקויפט און פארשפרייט אין די פלעצער ווי ענגליש איז די ערשטע שפראך, אז אויך זיי זאל קענען געניסן פון דעם זיסן און לויטערן קוואל וואס קוועלט אמונה, יראת שמים און מידות טובות.

די אלע זאכן קען מען שוין באשטעלן פונעם קרן הדפסה, דורך אריינרופן 718-387-2691 אדער ביי די מפיצים.



**משה ארי' שניצלער**

# טראלא-לאלא-לאנד



לעגענדע האט עס, אז ס'איז געווען אמאל א קעניג מיט'ן נאמען פראנצעסקי, דער פראנצעסקי איז דער פראנצעסקי וואס האט געקעניגט איבער אלע הונדערט און זיבן און צוואנציג פראווינצן פון די מעכטיגע אימפעריע וואס האט געהייסן טראלא-לאלא-לאנד, די הונדערט זיבן און צוואנציג פראווינצן זענען געווען באוואוסט מיט זייערע אוצרות.

אין דעם פראווינץ ווייסשטַאט איז געווען א ריזיגע שפע פון ווייסע דיימאנטן, אין די פראווינץpinky שטאט האט זיך געוואלגערט אויף די גאסן פינקע דיימאנטן, אין די פראווינץ פיסטאטשיאשטאט (מערקווירדיג אז אלע פראווינצן האבן זיי געגעבן א נאמען לויט א קאליר, ווען זיי האבן געענדיגט מיט די רעגולער קאלירן, זענען זיי געגאנגען צו די interior designer וואס געבט זיך אפ מיט דיזיינען קיטשענס, ווען מ'האט נישט געהאט גענוג טייערע קאלירן צו פארקויפן, קומט מען אויף מיט א קאליר פון עפעס א פארפוילטע בענענע, א צוקוועטשטע טאמעיטע, אדער פון א טונקלברוינע מויקאש וואס האט שוין געהאט דריי לונגען-אנטצינדונגען) האט מען געקענט באקומען הונדערט פונט פיסטעטשיאו'ס פאר דריי דאלער!

א ' ן blended-butternut-squash-soupשטאט פלעגן די קינדער זיך פארסמאקעווען מיט סקוואש אייסעס. אין peachשטאט פלעגט מען עסן פערזשעך (peaches) דריי מאל א טאג. דערפאר פלעגן זיי האבן פאר יעדע זיבן מענטשן, דריי מאגן-דאקטוירים זאלן קער נעמען פון זייערע שפע פון מאגן פראבלעמען וואס איז געווען געקומען פון עסן מער ווי דריי און זעכציג פערזשעך א מעת לעת.

אין mauve שטאט איז גארנישט געוואקסן, ווייל קיינער ווייסט נישט וואס איז געווען mauve פאר א דיזיינער האט אפגעמאכט אז דאס איז א קאליר. די mauve שטאט איינוואוינער האבן געליטן פון כראנישע הונגער. דארט איז גארנישט געווען, נישט קיין פלוימען, נישט קיין בארן, נישט קיין באסעס נישט קיין קאר'ן. א ליידיגע מדבר, פול מיט מחלות און אנשטעקעניש, פוסט און וויסט. וואו יעדע קעצל הוסט, און יעדע עלעפאנט ניסט.

קעניג פראנצעסקי איז געווען רייך פון שטייערן, ער פלעגט האבן אסאך ליידיגע צייט. איינס פון די זאכן וואס ער פלעגט זיין פארנומען מיט דעם איז געווען, דרייען די וואנצעס. ער איז געווען אזוי אבסעסד מיט זיינע וואנצעס, אז די קאריקאטוריסטן פלעגן אים רופן וואנצפראנץ.

קעניג פראנצעסקי האט געגליכן אז זיינע וואנצעס זאלן זיין שטייף און געדרייט אויף ארויף, און ארינגס און ארום. ער פלעג עס מאכן די סייז פון א קוואדער. ס'איז געווען אזוי שטייף און פונקטליך קייקלדיג, אז מ'האט













געקענט האלטן דארט א קוואדער און ס'זאל נישט אראפפאלן! די שטייפקייט אין די וואנצעס איז געווען, נישט פון דזשעל, נאר פון א געמיש פון דריי פערטל האניג מיט א פערטל מאסטערד, מיט א לעפל צומאלענע צושטויסענע tums פאר יעדע לעפל האניג, און א לעפל צימרינג פאר יעדע לעפל טאמס.

גראדע איז פראנצעסקי געווען א גרויסער אידן ליבהאבער. דער קענטעלאופשטאט'ער גאווערנער האט אים אמאל געפרעגט, פראנצעסקי טייערער, פארוואס האסטו אזוי ליב אידן? האט אים פראנצעסקי געענטפערט ווייל אידן זענען, קלוג, פראקטיש, און געבעדיג. דער גאווערנער שטעלט אן צוויי קעלבערנע אויגן און פרעגט, וואס הייסט?

פראנצעסקי טראכט, אנשטאט רעדן דרשות, וועל איך אים באווייזן מיט קלארע זעעבארע פאקטן וואס די מעלות פון אידישן פאלק זענען.

דער קעניג זאגט פאר'ן גאווערנער, מ'גייט מאכן א גרויס'ן בַאל פאר אלע גאווערנערס, מ'וועט זיך באדן אין עסן און אין טרינקען עד לב השמים. ס'וועט פארקומען קומענדיגן דינסטאג פון עלף ביז עלף, צוועלף שעה פון זיך לאזן וואוילגיין, און אזוי וועל איך אייך באווייזן פארוואס איך האב ליב אידן.

ארייקומענדיג צום באל איז געווען דארט עסן און טרינקען עפעס אויסערגעוועגליך! איין זאך איז געווען דארט זייער מאדנע! אנשטאט געהעריגע גאפלעך און לעפלעך איז געווען דארטן מאדנע לאנגע (אכט פיס לאנג!) גאפלעך!!! יא! אזוי מאדנע ווי איר טראכט, אזוי איז דארט געווען! גאפלעך און לעפלעך פון אכט פיס לאנג! זיי האבן זיך אזוי פארוואונדערט פון דעם אומדערהערטן ערשיינונג, אז זיי האבן נישט געקענט צו זיך קומען! איינער קוקט אויף די עק פון די גאפל, איינער קוקט אויף יענע זייט, רוקט אהער, דרייט אהין, ביז איין גאפל איז בטעות אריײגעפלויגן אין איינעמס אויג! האט ער אים צוריק געפליקט, האט א דריטער זיך אריינגעמישט, ס'איז געווארן



# גאפלעך און לעפלעך פון אכט פיס לאנג!



בלוטיגע שלעגערייען מיט צענדליגער טויטע און פארוואונדעטע.

דער קעניג באמערקט דעם קענטעלאופשטאט'ער גאווערנער דארט אינמיטן צווישן די פארוואונדעטע און רופט אים אין א זייט, קומענדיגע דינסטאג מאך איך נאך א מאלצייט, איך וויל דו זאלסט קומען.

דער קעניג האט גערופן צו זיך אין פאלאץ צוואנציג אידן, פון די פירער פון די געמיינדע, און געבעטן זיי זאלן אראנזשירן א סעודה קומענדיגן דינסטאג, לכבוד די געבורטסטאג פון קעניג פראנצעסקי.

איין באדינג האב איך פאר ענק, איר מעגט נאר נוצן גאפלעך און לעפלעך וואס זענען אכט פיס לאנג! נישט מער און נישט ווייניגער! השמר והזהר! אזוי האט געהייסן דער פולמעכטיגער קעניג פראנצעסקי! און קיינער זאל זיך נישט וואגן צו טון אנדערש ווי דער קעניג הייסט!

דינסטאג ביי די סעודה, דער קעניג שפאצירט ארײן מיט'ן גאווערנער ביי זיין האנט, דער גאווערנער איז געפלעפט! די קלוגע אידן זענען געזיצן איינער קעגן איבער דעם צווייטן, צען פון איין זייט און צען



אקעגן איבער, צווישן זיי איז א טיש פון אכט פיס ברייט, זיי עסן אזוי אז יעדער איינער פיטערט דעם וואס זיצט קעגן איבער אים, זיי עסן א פיינע סעודה, שמועסן אזוי געמיטליך און פריינטליך, דער קעניג קוקט אויף גאווערנער מיט א נצחון שמייכל גרעסער ווי די וואנצעס, וואס האב איך דיר געזאגט גאווערנער? אידן זענען קלוג? אידן זענען פראקטיש? אידן זענען געבעדיג?

מיט דעם קען מען זייער גוט פארשטיין די תורה'דיגע צוגאנג צו שלום בית, און נאך אסאך זאכן צום לעבן.

דו קענסט נישט אליין! געב פאר נאך א איד, אזוי וועסטו אויך האבן!

קומסט אריין אין שול צו שחרית? טראכט גוט אויפ'ן מקוה איד, אויפ'ן קאווע גבאי, אויפן הענדימען וואס הענגט אויף א נייעם שענדיליער.

אפילו ווען מ'קען נישט זאגן א גוט ווארט, מ'טראכט בלויז גוט אויף יענעם, ביסטו שוין א געבער, א קלוגער, א פראקטישער. פארוואס זיך בייזערן? טארכט גוט אויף זיך און אויף יענעם. טרעף "איין" גוטע נקודה! מ'קען נישט קוקן גוט אויף א צווייטן נאר אז מ'קוקט גוט אויף זיך, און מ'קען נישט קוקן גוט אויף זיך, נאר אז מ'קוקט גוט אויף א צווייטן. דו דארפסט טראכטן אז די גאנצע שפע פון די גאנצע וועלט ווענדט זיך אין דיין שמייכל, אין דיין טראכטן פאזיטיוו!

מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט געשמייכלט צו יעדן, נישט קיין חילוק צו יענער איז געווען פרייליך אדער נישט. דו מוזט זיין א קליינע בחינה פון מוהרא"ש און שמייכלען, טראכטן פאזיטיוו אויף אלע וואס האבן שייכות מיט דיר. נישט קיין חילוק צו יענער קאאפערירט יא אדער נישט.

לא טוב היות האדם לבדו! א מענטש מוז זיין בשלום מיט זיין ווייב און טראכטן אויף איר פאזיטיוו, טראכטן פון די שווערע ארבעט וואס זי לייגט אריין אין די שטוב ווערטשאפט. דיין ווייב מוז פילן ווי דו האלטסט איר פאר א מתנה וואס דער גוטער באשעפער האט דיר געגעבן, דאס געבט איר שטארקייט זיך צו קענען פארמעסטן מיט די שוועריגקייטן פון האלטן א שטוב, לייגן די קינדער אויפ'ן באס, וואשן לאנדרי, און נאך אסאך אנדערע זאכן.

א מאן און ווייב מוזן טראכטן אלע וועגן צו געבן שיינע פארגינערישע ווערטער, אויב נישט, וועלן ביידע פאלן פון די כוחות! די לעבן איז שווער, און א פרוי קען נאר האבן די כוחות אנצוגיין אויב זי ווייסט אז איר מאן ווייסט ווי שווער זי ארבעט צו פירן די ווערטשאפט, און אז ער איז עס מחשיב, א פרוי וואס האט דאס נישט, איז נישט מעגליך אנצוגיין. דער מאן איז אחראי אז זיין ווייב זאל פילן ווי ער appreciate איר שווערע ארבעט.

איי וועסטו פרעגן א קושיא, און וואס זאל טון א מאן אויב ער איז דער וואס פאלט פון די כוחות? וואס טוט מען אז ער האט פרעשור פון ארבעט, און ער פילט ער קען נישט אנגיין? פארוואס דארף איך אייביג איר מחזק זיין און רעדן שיין?! אפשר פארקערט?! אפשר דארף איך חיזוק?! אפשר דארף איך א גוט ווארט?! איך קען דאך שוין נישט אויסהאלטן מער!

**דו מוזט זיין א קליינע בחינה פון מוהרא"ש און שמייכלען**

וואס איז די תירוץ?

די קושיא איז א גוטע קושיא! א ריכטיגע קושיא! מ'קען טאקע פלאצן! די לעבן איז טאקע שווער!

איז, וואס איז די תירוץ?!

די תירוץ איז פשוט, אן זאגן משניות קען מען טאקע פלאצן! די לעבן איז טאקע ביטער שווער! אבער משניות פרישט אויף! משניות געבט א boost! פרוביר עס אויס! פרוביר עס פינעף מינוט! דו וועסט ווערן א נייער שטארקער זיכערער פרייליכער מענטש!



קהל היכל הקודש
קרית ברסלב

# מודעה

מיר ווילן דערמאנען דריי וויכטיגע נקודות פאר די חשובע איינעוואוינער אין שטעטל.

1) עס איז דא א זייטל וואו מען קען זען געלט וואס די שטאט האט ליגן און איר ברויכט עס פשוט אפנעמען. די אדרעס צו די זייטל איז:

https://www.osc.ny.gov/unclaimed-funds

2) די זייטל וואס פלעגט זיין די פלאץ צו טרעפן אלעס ארום די סאליוועו קאונטי טעקס האט זיך געטוישט צו א נייע זייטל. די אדרעס צו די נייע זייטל איז

.ny-sullivancounty.totalcollectionsolution.com

ארייננצוגיין אינעם זייטל שרייבט "Sullivan-public" פאר די יוזער־נאמען און "public" פאר די פעסווארד.

3) פאר וועם עס איז נוגע: די מינימום ווערדש און ניו יארק סטעיט איז ארויף צו 15$ און די מינימום ווערדש אין ניו יארק סיטי איז ארויף צו 16$.



# ״מעשיות פון תפילה״

## אלחנן זויבערמאן - צפת:

מיין טעלעפאן קלינגט, אויפן ליין איז דער מפיץ פון בני ברק מו״ה משה רכניצער הי״ו.

חנא, די וואך מוצאי שבת איז דא א ריזיגן כינוס פון חסידישע אידן, מ'רעדט פון א סכום פון שווערע טויזענטע חסידישע היימישע אידן וואס גיין זיך צאמנעמען פון גאנץ ארץ הקודש. מען גייט רעדן וועגן טעכנאלאגיע און דאס גלייכן, די כינוס גייט פארקומען אין א ריזיגן בית המדרש אין בני ברק.

וואס האט עס מיט אונז?

וואס הייסט? נאכן מעמד גייט יעדער ארויסגיין פון דריי טירן. און דארט וועלן שטיין דריי מפיצים מיט קונטרסים אין די הענט, און מ'גייט מפיץ זיין פאר אלע היימישע אידן.

א מחי', איך וויל קומען!

אבער איין רגע, פארוואס זאל מיין ווייב וועלן פארן קיין בני ברק אויף שבת, ווען פונקט א וואך פארדעם זענען מיר דארט געווען.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל זיך יא עפעס מאכן מען זאל דארפן פארן אויף שבת קיין בני ברק. אביסל שפעטער קלינגט מיין ווייב'ס טעלעפאון און א פרוי פרעגט איר אויב זי קען פארדינגען איר דירה אויף שבת...

ס'איז גאר א שטארקע מעשה פון תפילה, ווייל אז איינער זאל וועלן דינגען א דירה ווינטער אין צפת, איז נישט קיין אפטע זאך, עס איז אפשר איינס פאר טויזנט.

## יודא בנציון ווערצבערגער - מאנסי:

איך האב נישט געהאט קיין צייט אפצופיצן די שניי פון מיין קאר, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל ווערן געפיצט, צו דורך א פיינעם זון אדער דורך אנדערע וועגן.

און דער אייבערשטער האט געהאלפן אויף א אינטערסאנטע וועג, אז אפאר קינדער פון די גאס האבן געזוכט וואס צו טון און זיי האבן אפגעפוצט מיין קאר ווי עס דארף צו זיין.

## מנשה איצקאוויטש - בארא פארק:

איך האב שטענדיג מיט מיר א קליינעם חומש, איין טאג האב איך דאס פארלוירן, איך האב געהאט דארט א סטיקער ווי איך האלט ביי די רש״י'ס, וואס טוט מען דא? איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן דעם קליינעם חומש'ל.

לעצטענס האב איך פארלוירן א זעקל פון די וויכטיגע דאקומענטן ביי מיר אינדערהיים, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל דאס טרעפן ווי אמשנעלסטן, איך האב אנגעהויבן זוכן איינס פלאץ נאכן צווייטן.

אזוי זוכענדיג אויף איין פלאץ האב איך געטראפן דעם פארלוירענעם חומש בראשית וואס איך האב געהאט פארלוירן א צייט צוריק, איך האב מיר אזוי געפריידט דאס צו טרעפן ווייל אזוי האב איך געקענט צוענדיגן די רש״י'ס, און דער אייבערשטער וועט העלפן מען וועט נאך אויך טרעפן די זעקל מיט די פאפירן.

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט״א



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר א', שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין הוֹדָעָה.

עֶס אִיז אַוַדַאי בֶּעסֶער דוּ זָאלְסְט טוּישְׁן דִי מְזוּזוֹת פוּן דַיין דִירָה, וַוייל לֵיידֶער זֶענֶען פַאְרהַאנֶען סוֹפְרִים קַלִּים וְרֵיקִים. אִיךְ גֶעדֶענְק וִוי נָאךְ מַיין חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעלֶערְנְט סוֹפְרוּת, אַזוֹי אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ הַאנְדְלֶען מִיט סוֹפְרִים, בִּין אִיךְ אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶטְלִיכֶע סוֹפְרִים שְׁרַייבְּן אִינְאֵיינֶעם, הָאבּ אִיךְ אַמָאל בַּייגֶעוואוֹינְט וִוי אַ סוֹפֵר אִיז גֶעוָוארְן בְּכַּעַס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן סוֹפֵר אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים נִיבּוּל פֶּה בַּיי אַן אָפֶענֶעם סֵפֶר תּוֹרָה! **עֶס הָאט מִיר אָנְגֶעכַאפְּט אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק**, אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פוּן דָארְט אוּן מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיין גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען שְׁרַייבְּט מִיט קַלּוּת רֹאשׁ. אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דֶעם אִיד וָואס צָאלְט שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער, עֶר מֵיינְט אַז דֶער סוֹפֵר אִיז אַ חָסִיד, וַוייל פוּן אִינְדְרוֹיסְן גֵייט עֶר אָנְגֶעטוּן מִיט שְׁטְרַיימְל בֶּעקִיטְשֶׁע בִּשְׁעַת עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ נָאךְ וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר וָואס גֵייט אִין מִקְוֶה פַארְ'ן שְׁרַייבְּן, אַזוֹי אוֹיךְ לֶערְנְט עֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא.

דַיינֶע אַלְטֶע מְזוּזוֹת קֶענְסְטוּ פַארְקוֹיפְן פַאר אַ סוֹפֵר מִיטְ'ן זָאגְן דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם סוֹפֵר וֶועלְכֶער הָאט דָאס גֶעשְׁרִיבְּן.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי דַיין זוּן הָאט דִיר פַארְצֵיילְט אַז אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ סֶעט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; אִיךְ הָאבּ אִים אַרַיין גֶעשְׁרִיבְּן אַפָּאר וַוארִימֶע וֶוערְטֶער אִים צוּ גֶעבְּן אַ חֵשֶׁק עֶר זָאל לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבֶּעטְן אַז וֶוען עֶר מַאכְט אַ סִיּוּם זָאל עֶר מִיר דָאס דֶערְצֵיילְן. **גֶעבּ אִים אִיבֶּער אַז אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן אַ סִיּוּם פוּן אִים.**

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ וַוארְט אוֹיךְ צוּ הֶערְן פוּן דִיר דַיינֶע סִיּוּמִים; נֶעכְטְן (ו' אֲדָר א') אִיז גֶעוֶוען דֶער יָארְצַייט פוּן אוּנְזֶער חָבֵר יַעֲקֹב מֵאִיר חֶשִׁין עָלָיו הַשָּׁלוֹם וֶועלְכֶער אִיז נֶעבֶּעךְ אוּמְגֶעקוּמֶען אַ פָּאר יָאר צוּרִיק אִין אַ עֶקְסִידֶענְט, **עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן 'כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ'.** עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁרִיבְּן אִין זַיין טָאג-בּוּךְ (דֵייעֶרִי) יֶעדֶע סִיּוּם וֶוען עֶר הָאט דָאס מְסַיֵּים גֶעוֶוען, בִּיז מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן פוּן אִים זַיין בִּיכְל וואוּ עֶר שְׁרַייבְּט: "**וּבְמֶשֶׁךְ תְּקוּפָה קְצָרָה שֶׁל כַּמָּה שָׁנִים גָּמַרְתִּי כָּל הַתּוֹרָה**", אִין אַ קוּרְצֶע צַייט פוּן אַ פָּאר יָאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; עֶר רֶעכְנְט דָארְט אוֹיס: "תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, גְמָרָא בַּבְלִי יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא אוּן אַלֶע מֶדְרָשִׁים, רַמְבַּ״ם, טוּר וְשֻׁלְחָן עָרוּךְ וְכוּ' וְכוּ'".

יֶעצְט וֶוען עֶר אִיז אוֹיבְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִיז אִים גוּט; עֶר הָאט וָואס צוּ עֶסְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כג) אַז אוֹיבְן אִין הִימְל וֵויינֶען דִי נְשָׁמוֹת: "מִיר דַארְפְן עֶסְן", אָבֶּער וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי עֶסְן וֵויינֶען זֵיי: "מִיר דַארְפְ'ן נִישְׁט דִי פָּשׁוּטְ'עֶ עֶסְן, מִיר דַארְפְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## נ נח שטות

**דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר א מנהל פון א מוסד:** איך טראכט אז מן הסתם ווייסט איר נישט און איר האט נישט אריין געטראכט אין וואס מען האט געטון, דאס איז דער זאך וואס מען האט געמאכט ביי אייך ראש חודש אדר, אז מען האט געהייסן די קינדער ברענגען קאפלעך וואס שטייט אויפגעשריבן אויף דעם דעם הייליגן ברסלב'ער רבי"ס נאמען אויף א חוזק וועג: נ' נח'.

אסאך מענטשן זענען זיך טועה און מיינען אז דאס איז א ברסלב'ע זאך ווען באמת איז דאס א גרויסע פארשעמונג פאר אונז און פאר אונזער רבי; שטעלט אייך פאר מען זאל ווען נעמען דעם נאמען פון אייערע רבי"ס און דאס אויפשרייבן אויף קאפלעך און אויף ווענט, וואלט עס ווי געטון פאר אייך און פאר אלע חסידים און פאר אלע אידן, אזוי אויך טוט וויי פאר אונז ברסלב'ע חסידים אז מען שפעט אפ פון גרויסע צדיקים.

ליידער זענט איר נישט די איינציגסטע וואס טוען דאס, אסאך חדרים און מיידל שולעס טוען דאס און מען טראכט נישט אריין אין די הארבקייט פון טשעפען א צדיק. דער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדיק, סימן פח): "הַצַּדִּיק יָכוֹל לַעֲנֹשׁ אֶת הָאָדָם בְּמִיתָה, אֲפִלּוּ עַל יְדֵי חֲלִישׁוּת דַּעְתּוֹ, אֲפִלּוּ בְּטָעוּת"; אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ב, י): "וֶהֱוֵי זָהִיר בְּגַחַלְתָּן שֶׁלֹּא תִכָּוֶה, שֶׁנְּשִׁיכָתָן נְשִׁיכַת שׁוּעָל, וַעֲקִיצָתָן עֲקִיצַת עַקְרָב, וּלְחִישָׁתָן לְחִישַׁת שָׂרָף".

דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות וואס מיר האלטן חשוב אלע צדיקים זאלן מיר זוכה זיין אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות, אמן.

# א מעשה
## פון א צדיק



## דִי פְּטִירָה פוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער ז"ל

אִין יָאר תרי"ד אִיז גֶעוֶוען אַ תְּקוּפָה וָואס בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, עֶס אִיז דַאן גֶעוֶוען נַיין יָאר נָאכְן הִסְתַּלְקוּת פוּן רֶבִּי נָתָן אוּן נָאךְ פוּן תַּלְמִידֵי רַבֵּינוּ זֶענֶען אַוֶועק יֶענֶע צַייט, אוֹיךְ אָדְל דִי טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַוֶועק יֶענֶע יָאר.

אִין יֶענֶע צַייט הָאט רֶבִּי נַפְתָּלִי ז"ל - אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן - גֶערוּפְן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זָ"ל, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ זֶע אַז בַּיי דִי אִידְן אִין שְׁטָאט טִירְהָאוִויצֶע הָאט לֶעצְטְנְס אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרֶענֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים, פָאר אַהִין זֵיי מְחַזֵק זַיין".

אִיז רֶבִּי נַחְמָן אַהִינְגֶעפָארְן, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּ זֵיי פוּן תַּכְלִית, עֶר הָאט גֶעמַאכְט דָארְט אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת.

דִי אִידְן הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן וואוּ עֶר הָאט אַזֶעלְכֶע גוּטֶע דִיבּוּרִים, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דָאס קוּמְט אַלֶעס פוּן רֶבִּי נָתָן. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא כְּתָבִים פוּן רֶבִּי נָתָן וָואס לִיגְט אִין בּוֹידֶעם (דָאס אִיז דִי לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת) אוּן עֶס הֵייבְּט אָן צוּ וֶוערְן פַארְשִׁימְלְט, אֶפְשָׁר וָואלְטְן עֶנְק גֶעוָואלְט הֶעלְפְן דָאס דְרוּקְן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע צוּגֶעכַאפְּט צוּ דֶעם, אוּן אִים גֶעגֶעבְּן גֶעלְט צוּ קֶענֶען דְרוּקְן דִי תּוֹרוֹת פוּן רֶבִּי נָתָן. אוֹיךְ אִיז עֶר אַרוּמְגֶעפָארְן אִין אַנְדֶערֶע שְׁטֶעטְלֶעךְ מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בֶּעטְן צוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים. אַזוֹי הָאט עֶר נָאךְ אַפָּאר יָאר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דְרוּקְן דִי גַאנְצֶע סֶעט לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת.



ר' אַייְזִיק פוּן שְׁטָאט אוּמַאן הָאט פַארְצֵיילְט, אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בִּשְׁעַת רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אִיז אַוֶועק, עֶר הָאט גֶעהַאט דֶעמָאלְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע יִשּׁוּב הַדַעַת. עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל זָאגְן פַאר זַיין וַוייבּ אַז עֶר גֵייט שׁוֹין אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, אוּן זִי זָאל אָנְגְרֵייטְן זִיפּ פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן קוּמֶען צוּ דִי לְוַיָ'ה.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן 'בְּרִיךְ שְׁמֵי'הּ דְּמָרֵי'הּ עַלְמָה' וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי וֶוערְטֶער 'בֵּי' אֲנָא רָחִיץ' הָאט עֶר דָאס גֶעשְׁרִיגְן מִיט אַ הוֹיעֶךְ קוֹל, אוּן דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אַ הִיפְּשֶׁע פָּאר מָאל. נָאכְן עֶנְדִיגְן בְּרִיךְ שְׁמֵי'הּ הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן 'אֱלֹקַי נְשָׁמָה', וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי וֶוערְטֶער 'וְאַתָּה עָתִיד לִטְלָהּ מִמֶּנִּי' אִיז זַיין נְשָׁמָה אַרוֹיס.

דִי חֶבְרָה קַדִּישָׁא הָאבְּן שְׁפֶּעטֶער פַארְצֵיילְט אַז זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען אַ אִיד אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט מִיט אַזַא יִשּׁוּב הַדַעַת.

(ספר אילן החיים סימן קע"א - קע"ג)





# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- ס"ז -

**פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק קוּמְט אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין זְלַאטִיפָּאלֶע, אוּן פַאלְט חַלָשׁוּת. אִין יֶענֶע צַייט, אֵיידֶער רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק אִיז דֶעמָאלְט גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט עֶר זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט גָאר אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם.

* * *

רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט מִיט גְרוֹיס שְׁרֶעק, זַיין הַארְץ הָאט אִים זַייעֶר גֶעקְלַאפְּט, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר מוּז שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

פוּן גְרוֹיס אָרֶעמְקֵייט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט פַאר אַ וָואגְן, הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג צוּפִיס. סְ'הָאט אִים גֶענוּמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט אָנְצוּקוּמֶען קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע. וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ דֶער רֶבִּי וואוֹינְט, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם, אוּן יֶענֶער הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "וָואס הָאסְטוּ מִיט אִים? סְ'אִיז דָאךְ דָא אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אִין שְׁטָאט אוֹיף אִים!".

דַאן הָאט רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק זִיךְ גְלַייךְ דֶערְמַאנְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם אַלְטְן מֶענְטְשׁ אִין חָלוֹם, "וֶוער וֵוייסְט אוֹיב דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרַיינְגֵיין צוּ אִים", הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן אִיז גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם הוֹיז פוּן רֶבִּי'ן. אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט דִי טִיר אִיז עֶר בַּאלְד גֶעלָאפְן צוּם רֶבִּי'ן, אוּן פוּן גְרוֹיס הִתְרַגְשׁוּת אִיז עֶר גֶעפַאלְן חַלָשׁוּת, ווִי אוֹיבְן דֶערְצֵיילְט.

נִישְׁט לַאנְג שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן נָאךְ אַסַאךְ פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה "אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ב'), דָארְט אִיז מְרוּמָז דֶער חָלוֹם פוּן רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק. עֶר אִיז זַייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי וֵוייסְט אַלֶעס.

פוּן דֶעמָאלְט הָאט רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק זִיךְ זַייעֶר גֶענוּמֶען צוּ דִי עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה, בִּיז עֶר אִיז מַמָּשׁ רוֹב טָאג גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין דָבוּק אִין הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ גֶעוואַלְדִיגֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, צְווִישְׁן עֶרְשְׁטְן אוּן צְוֵוייטְן טָאג, הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט פַאר דִי תַּלְמִידִים דִי פָאלְגְנְדֶע מַעֲשֶׂה.

אֵיינֶער פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִיז גֶעוֶוען קְרַאנְק, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זַייעֶר פַארְשְׁלַאפְט, אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִים צוּ בֶּעטְן עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אִים.

דֶער שָׁלִיחַ אִיז טַאקֶע גֶעפָארְן אוּן הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זַייעֶר קְרַאנְק אוּן עֶר בֶּעט עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן אִיז גֶעפָארְן מִיט דֶעם שָׁלִיחַ.

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט דֶער שָׁלִיחַ גֶעפְרֶעגְט פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, "אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה, וֶועט עֶר זִיכֶער נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט. אוּן דֶער קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ, זֶעט אוֹיס ווִי עֶר הָאט אֱמֶת'דִיג גֶעטוּן תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה, אוּן עֶר אִיז זַייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי אַלְט, פַארְוָואס וֶוערְט עֶר נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֵיילְט?".



הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט, "סְ'אִיז אֱמֶת, אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אַזוֹי גֶעזָאגְט אוּן סְ'אִיז טַאקֶע אַזוֹי. סְ'אִיז אוֹיךְ אֱמֶת אַז דֶער קְרַאנְקֶער הָאט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן אִיז וַוייל עֶר הָאט זִיךְ נָאכְנִישְׁט מִתְוַודֶה גֶעוֶוען פַאר אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק. אוּן דֶערְפַאר פָאר אִיךְ טַאקֶע יֶעצְט צוּ אִים, אַז עֶר זָאל זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין. אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין פַאר מִיר, וֶועט עֶר גְלַייךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן, אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן מִתְוַודֶה זַיין פַאר מִיר, וֶועט גְלַייךְ פַארְעֶרְגֶערְט וֶוערְן זַיין מַצָב, עֶר וֶועט אָנְהֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן מִיט גְרוֹיס וֵוייטָאג אוֹיף אַלֶע זַיינֶע גְלִידֶער, אוֹיף זַיינֶע הֶענְט אוּן פִיס, אוּן עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן רַחְמָנָא לִצְלָן.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

# רויעלטיס



ישראל דוד העסקעל

**לאמיר** לאמיר הערן עפעס א גוט ווארט

-

א גוט ווארט? טשאקאלאד!

ווילסט אויך הערן א טייער ווארט?

אוודאי!

אהההה א טייער ווארט?! געזאלין!

אוי די חן ווען מ'קומט אריין צופרי אין שול, און דאס ערשטע באגעגנט מען מו"ה משה ארי' שניטצלער הי"ו ווי ער זיצט דארט ביים עק אויף זיין מקום קבוע מיט עטליכע קליינע בלויע זוהר'ס וואס פון אלע זייטן שטעקן זיך ארויס סטיקערס און בוקמארקס, צוגעצייכנט פון די זייט נאטיצן, אפן ליגט א חומש, ווען פון ארום זענען דא נאך עטליכע ספרים און קונטרסים, אלעס האט א קלארע סיסטעם, יעדער ספר און קונטרס פארמאגט זיין צייט, פון די זייט איז דא א זעקל פון נאך ספרים און פאפירן.

אט דאס איז די סצענע צו וואס איך



האב אריינשפאצירט יענעם טאג אין שול.

נאכן גוט ווארט און נאכן טייער ווארט זאגט ר' משה ארי' אז יעצט איז אים דורכגעלאפן א אויסטערלישע מחשבה...

רויעלטיס!

דו ווייסט וואס מיינט רויעלטיס? ניין? וועל איך דיר זאגן...

אין די וועלט איז דא אזא קאנסעפט וואס רופט זיך 'רויעלטיס' דאס איז א מין וועג פון באצאלן פאר איינעם.

למשל, א זינגער ביי די אומות העולם געבט ארויס א ניגון, ווי אזוי מאכט ער פון דעם געלט? די ראדיו סטאנציע וואס שפילט דעם ניגון מוז באצאלן פארן זינגער א רויעלטי, דהיינו עטליכע דאלער לאמיר זאגן הונדערט דאלער פאר יעדעס מאל



וואס די ראדיו סטאנציע שפילט זיין ניגון.

פון אנפאנג זעט זיך נישט אן קיין גרויסע רווחים - עטליכע הונדערט דאלער - נישט עפעס ריזיגע סומעס, אבער ווען עס גייט אריבער א שטיק צייט און עטליכע ראדיו סטאנציעס האבן געשפילט דעם ניגון גענוג מאל און ס'ווערט אויפגעכאפט, דעמאלט קעשט מען ארויס די ריכטיגע נומערן.

דאס איז לאו דווקא נאר אין די מוזיק אינדוסטריע, נאר אזא סיסטעם פון באצאלן איז דא אויף זייער אסאך זאכן. למשל אויף אַרט קען עס אויך אזוי ארבעטן, אויב איינער האט געמאלן א שיינע בילד און ער פארקויפט עס פאר א קאמפאני צו דיסטריביוטען קאפיעס, קען ער בעטן א געוויסע סומע אדער א פראצענט פון יעדעס שטיקל וואס ווערט פארקויפט.

ס'איז א מין וועג פון פארדינען געלט פאר פראדוקטן בעיקר פון טאלאנט וואס א מענטש האט געארבעט אויף א מייסטער שטיקל און קען נאכדעם פארדינען פון יעדע מענטש וואס האט הנאה פון זיין פראדוקט, דאס איז רויעלטיס אין קורצן.

ר' משה ארי איז מסביר, אויב האב איך זיך געמוטשעט און געהאלפן צו קענען מאכן א ניגון פון אמונה, פון חיזוק, פון תשובה און שפעטער - אפילו יארן שפעטער - וועט א מענטש הערן דעם ניגון, זינגען דעם ניגון און זיך מחיה זיין מיט דעם, נענטער ווערן צום אייבערשטן, אדער ווערן פרייליך, דאס איז מיין רויעלטי, יעצט ווער איך באצאלט פאר מיין ארבעט וואס איך האב דעמאלט אריינגעהארעוועט יארן צוריק.

אזוי אינמיטן מסביר זיין דעם גאנצן רויעלטי סוגיא קומט אריין א אידל\ גאר פרייליך און זינגט זיך אונטער "דער באשעפער איז איבעראל"! ר' משה ארי' צייגט אונז, דו זעסט? דו זעסט? דאס איז מיין רויעלטי! איך געדענק גוט יארן צוריק ווי איך האב געהאלפן מאכן דעם ניגון און געטראכט צו זיך "מעעע ווער וועט עס שוין אויסהערן"? און אויב איינער וועט עס אפשר יא אויסהערן וועט יענער מסתמא נאר חוזק מאכן, וואס איז די פוינט?

דער חלישות הדעת, האט יעדער איינער וואס טוט אין הפצה, יעדער אויף זיין אופן. דער מפיץ וואס לויפט ארום טאג און נאכט מזכה זיין דורשטיגע אידן מיט ספרים, גליונות, קונטרסים, ס' דיס, און ביכלעך טראכט נאך א טאג פון ארומלויפן "מעע וואס טו איך שוין"? קיינער נעמט נישט און דער וואס יא גייט מסתמא בכלל נישט אריינקוקן אין דעם, מיין גאנצע ארבעט און הארעוואניע גייט סתם לטמיון... אבער ס'דא רויעלטיס!!!

יעצט זעסטו גארנישט אבער באלד באלד גייט קומען רויעלטיס, באלד גייסטו הערן א מעשה ווי דו האסט געראטעוועט איינעמס לעבן, איינער איז דורך דיין גליון וואס דו האסט אים געגעבן מקורב געווארן מיט זיין גאנצע משפחה און ער ברענגט שוין זיינע ברידער, זיין שוואגער האט שוין אויך אנגעהויבן הערן שיעורים פון אמונה, זיין זוהן איז געווארן א גרויסע מפיץ, און דאס אלעס האט פאסירט יענעם רעגנדיגן טאג ווען דו האסט זיך געמוטשעט און געשלעפט ספרים, און איינער האט דיך נאך באזידלט ווי ס'באדארף צו זיין, סוף טאג האט זיך איינער מרחם געווען דיר געגעבן א דאלאר צדקה און געזאגט אז "נע ער דארף נישט קיין קונטרסים" און דו האסט אים יא







משכנע געווען ער זאל כאטש נעמען א ס'
די און יענע נאכט ביסלו גענעסן אין קאר
אין געטראכט וואס טו איך דא??

למען השם ס'קוקט אויס ווי איך טו
גארנישט!

אבער היינט קעסטו אריין די
רויעלטיס פון דורות וואס זענען דבוק צום
אייבערשטן וועגן דיר, און זיי גייען אויף
ארום הפצה צו ברענגען נאך אידן צום
אייבערשטן! אלעס גייט אויף דיין חשבון!

כמעט יעדע וואך טראכט איך
נאכאמאל צו זיך, זאל איך יא שרייבן? גייט
איינער בכלל ליינען? און אויב שוין יא, גייט
יענער בכלל אינטערעסירן אין די
אינהאלט, טו איך עפעס אויף?

זאל איך נאכאמאל אנהייבן די וואך
פון פריש בעטן דעם אייבערשטן פאר א
גוטע געדאנק, ס'זאל זיין אינטערעסאנט
צו ליינען, ס'זאל מעורר זיין צו מעשים
טובים, צו גוטע הנהגות, ווער גייט עס
בכלל אנקוקן? זאל איך נאכאמאל זיך זעצן
א שעה צוויי שרייבן, מעקן, טראכטן,
איבערשרייבן נאכאמאל, בעטן דעם
אייבערשטן ס'זאל ארויסקומען א
געלונגענע ארטיקל? פאר וועמען? איז דא
אפילו איינער וואס לייענט עס? וואס איז
די פוינט?

ר' משה ארי' זאגט אז יעצט זעט מען
גאאארנישט! לאז די צייט אביסל
אריבערגיין און דו וועסט אנהייבן הערן אז
דיין ארטיקל האט מיך געכאפט, דיין
באשרייבונג האט מיך מקרב געווען, די
רויעלטיס הייבן אן אריינקומען און ס'האט
נישט קיין סוף, ווייל יענער גייט אויך
הפצה, יענער ברענגט נאך און נאך אידן
צום אייבערשטן, און איך באקום די אלע
רויעלטיס!!

און אז דו לייגסט יעצט די ארטיקל
און דו טראכסט יא ער איז גערעכט איך גיי
זיך זיך נעמען צו הפצה ווי ס'דארף צו זיין,
איז דאס ר' משה ארי'ס רויעלטי, ווייל ער
איז געשטאנען יענעם צופרי און גערעדט
צו מיר, וואס ס'האט מסתמא אויסגעזען
פאר אים ווי טויבע אויערן, אבער ער האט
זיך נישט צוריקגעהאלטן נאר געגאסן
פערל ווערטער אן קיין חשבון און יעצט
ווען דיר איז עס מעורר קעשט ער אריין
זיין רויעלטי!

זיי נישט קיין בטלן! מאך דיך א
שנעלע חשבון וואס קען איך טון פאר
הפצה? ווי אזוי קען איך צוריקברענגען
נאך א איד צום אייבערשטן? נאך איינער
זאל זיך דערוויסן פון די זיסע עצות פון
רבי'ן.

וועסט האבן טויזנטער מניעות אויפן
וועג, הונדערטער מאל וועסטו האבן
חלישות הדעת און טראכטן איך טו
גארנישט, ס'גייט פון דעם סיי ווי גארנישט
ווערן, אבער מיט סבלנות וועסטו באלד
פיין אריינקעשן די רויעלטיס!

שכח אייבערשטער אז מיר קענען
עוסק אין הפצה אריינשיינען אין אידישע
קינדער'ן די אמונה אינעם אייבערשטן,
שכח אייבערשטער פאר אלע חיזוק אויפן
וועג אז איך זאל קענען אנגיין און זיך נישט
לאזן פארפירן פון די שלעכטע מחשבות
און בלבולים. "הייליגער באשעפער העלף
מיר איך זאל אייביג קענען האבן א חלק
אין הפצה, העלפן און משמש זיין דעם
רבי'ן וואס מאכט ליכטיג די גאנצע
וועלט".

# נאטיצן און קרישקעלעך

פונעם פאנדרעידנג אפיס אינערהאלב
כולל היכל הקודש ברסלב



הנהלת הכולל וואונטשט א הארציגן מזל טוב פאר ידידינו היקר מו״ה מנחם שטיינבערג הי״ו, חבר ועד הנהלת קרית ברסלב, לרגל הולדת בנו, דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט זען אסאך נחת און שמחות, וימלא השם כל משאלות לבך לטובה.

ר׳ מנחם איז פון די גרויסע שטיצערס פון אונזער חשוב׳ע כולל, און האט זוכה געווען צו באקומען דעם זכות ״שר עשרים וששה אלף״ נאכדעם וואס ער איז אנגעקומען צום סכום פון $26,000 כמנין שם הוי׳. דער אייבערשטער זאל דיר בענטשן מיט אלעס גוטס.

ר׳ מנחם האט אויך געהאט די זכי׳ צו מאכן א ״טיי אוונט״ פאר׳ן כולל ביי זיך אין שטוב, ווען ער האט נאך געוואוינט אין וויליאמסבורג, וממנו ילמדו וכן יעשו. ס׳איז געווען דארט א שיינע פארברענג מיטן ראש ישיבה שליט״א.

הנהלת הכולל וואונטשט א הארציגן מזל טוב פאר ידידינו היקר מו״ה יוסף הכהן פריעדמאן הי״ו, לרגל הולדת בנו, דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט זען אסאך נחת און שמחות, וימלא השם כל משאלות לבך לטובה.

ר׳ יוסף איז פון די גרויסע שטיצערס פון אונזער חשוב׳ע כולל, און האט זוכה געווען צו באקומען דעם זכות ״שר עשרת אלפים״ נאכ׳ן געבן דעם פאנטאסטישן סכום פון $10,000 דער אייבערשטער זאל דיך בענטשן מיט אלעס גוטס.

ר׳ יוסף האט אויך געהאט די זכי׳ צו עפענען זיין שטוב נאך אין בלומינג גראוו, פאר א ״טיי אוונט״ לטובת כוללינו

הנהלת הכולל וואונטשט א הארציגן מזל טוב פאר ידידינו היקר מו״ה ישראל שלום זעלקאוויטש הי״ו לרגל הולדת התאומים. דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט זען אסאך נחת און שמחות, וימלא השם כל משאלות לבך לטובה, און א הארציגן דאנק פאר מנדב זיין כסדר לטובת כוללינו.

ר׳ ישראל שלום האט אויך געהאט די זכי׳ צו מאכן א ״טיי אוונט״ פאר׳ן כולל ביי זיך אין שטוב, ווען ער האט נאך געוואוינט אין וויליאמסבורג.

הנהלת הכולל באדאנקט זיך פאר מו״ה יצחק אייזיק ראטה הי״ו פאר מנדב זיין פרנס השבוע.

הנהלת הכולל באדאנקט זיך פאר אליהו יונתן בן שרה פאר מנדב זיין א פרנס היום.

הנהלת הכולל באדאנקט זיך פאר ידידנו היקר פאר מנדב זיין א פרנס היום לעילוי נשמת הרב החסיד ר׳ נפתלי ב״ר משה אינדיג עליו השלום, מחשיבי תלמידי רבינו הקדוש מ׳סאטמאר זכותו יגן עלינו.

הנהלת הכולל באדאנקט זיך פאר מו״ה אבא שטיינוווארצל הי״ו פאר מנדב זיין א פרנס היום לעילוי נשמת אביו הרה״ח נפתלי הירץ בן הרה״ג ר׳ משה דוד עליו השלום. איך האב אים גוט געקענט ווייל איך האב געלערנט זעקס יאר ביי הרה״ג ר׳ יצחק אייזיק פריעדמאן שליט״א אב״ד טענקע, וואס ער איז א איידעם ביי הרב הגאון הגדול ר׳ משה דוד שטיינוווארצל זצ״ל, איך פלעג מיטהאלטן אסאך שמחות ביי די חשוב׳ע משפחה.

די הנהלת הכולל באדאנקט זיך פאר מו״ה יוסף ברילל הי״ו פאר מנדב זיין די צווייטע פרנס השבוע, און אנקומען צו ״שר עשרת אלפים״!

אשריך ר׳ יוסף!

ר׳ יוסף מחייב את כולם! אז מ׳קוקט דיין סדר היום זעט מען אז ס׳איז דא צייט פאר אלעם! אזוי ווי דער ראש ישיבה זאגט אלץ ״ווי מער מ׳טוט האט מען מער צייט״! די טרוקענע מציאות איז אז יעדער מלמד און באס דרייווער קען זיין א שר עשרת אלפים!

## א מופת פונעם כולל

מו״ה ישראל דוד העסקל הי״ו האט געווארט א לאנגע צייט צו קענען מופן אין שטעטל, א קורצע צייט צוריק האט ער אנגערופן דעם מנהל הכולל מיט א נתינה פון $1,200, און געבעטן צו לייגן זיין נאמען אויפן ראש ישיבה׳ס טיש, אויף די צווייטע זייט, וואו מ׳זעט די שם הוי׳, ביז פיר וואכן האט ער שוין געוואוינט אין שטעטל!

## נייעס פונעם כולל אפיס

מיט פרייד טוען מיר איבערגעבן די פרייליכע נייעס אז יעדע נייע מעמבער אינעם ״מידי שבוע בשבוע״ פראגראם, וואס שיקט א נדבה פאר צען וואכן אין א צי, וועט באקומען א צוואנציג דאלער קיופאן! (גילטיג ביי לעמאנעיד סופערמארקעט, אדער ביי קרית ברסלב ספרים, אדער ביי קרן הדפסה)

ווארט! ס׳ווערט נאך בעסער!

די ערשטע צען וואס באקומען די קיופאן וועלן ווערן געלאדנט צו א עלעגאנטן מאיעסטעטישן דינער!

פרטים יבואו! האלט אייך געשפאנט! איר ווילט דאס נישט פארפאסן!

## הכרת הטוב

די הנהלת הכולל באדאנקט זיך פאר מו״ה אייזיק ראטה הי״ו און פאר מו״ה מאיר וויזל הי״ו וגיסו מו״ה אהרן אפעלדארפער הי״ו פאר׳ן זיין אינסטרומענטאל אין צושטאנד ברענגען א בעסערע קאר פאר׳ן מנהל הכולל.

ר׳ אייזיק האט אויך געהאט די זכי׳ צו מאכן א ״טיי אוונט״ פאר׳ן כולל ביי זיך אין שטוב.

א גרוס פון

# בית שמש

**מו"ה שלמה מינצבערג הי"ו** גבאי בית המדרש היכל הקודש ברסלב בית שמש שילדערט זיין אינהאלטסרייכע סיפור התקרבות, אינאיינעם מיט א באריכט וואס עס ליגט אלס אינטערן טיטל "גבאי בית המדרש היכל הקודש"

*נפתלי הירצקא וואלנער*





**א גוטן ערב שבת ר' שלמה, קודם ווילן מיר הערן אין געציילטע ווערטער וויאזוי זענט איר מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן אין היכל הקודש, און וואס האט אייך געכאפט דא?**

עס איז געווען מיט בערך פיר יאר צוריק ביים אנהייב פון די קאראנא ווירוס אויסברוך, איך בין געזעצן און שטוב פארקנאקט, מ'האט מורא געהאט ארויסצושטעקן די נאז פון פענסטער, אין בית המדרש בין איך אוודאי נישט געגאנגען, איך האב נישט געלערנט מיט מיין חברותא, אזוי איז דורך טעג וואס איך האב ליידער נישט געהעריג געלערנט.

איך בין געווען גוט צובראכן פון די גאנצע סומאטוכע, האט מען מיר מציע געווען אין שטוב אז ס'איז דא א שיינע האטליין וואס רופט זיך "קול ברסלב" אפשר זאל איך עס אויסהערן און הערן דארט שיינע חיזוק. איך האב געטראכט אז עס איז נאך א האטליין צווישן אלע האטליינס, נאך איינער האט נישט וואו צו רעדן האט מען געעפענט נאך א האטליין, אבער פון שטוב האט מען מיר זייער געשטופט איך זאל דאס אויסהערן.

איך האב אריינגערופן און איך האב אנגעהויבן הערן נייע זאכן, איך האב געהערט אז איך דארף נישט האבן קיין חברותא צו לערנען יעדן טאג תורה, ס'איז דא א שיינע דרך הלימוד וואס איז פאסיג פאר יעדן איינעם, ס'האט מיר ממש אויפגעלעבט.

**ווער האט פארשפרייט אין ארץ ישראל די האטליין קול ברסלב?**

ביי קאראנא זענען מענטשן געווען זייער דערשראקן, האט המפיץ מו"ה גדלי' דוד בלום הי"ו פארשפרייט בראשורן און קארטלעך, עס איז געשטאנען דערויף "א פחד א שרעק! קלינגט אריין קול ברסלב" אזוי איז עס אנגעקומען ביי מיר אינדערהיים, ביי מיר אין שטוב האט אנגעהויבן הערן די שיעורים נאך פאר איך האב עס אויסגעהערט.

> "איך בין געזעצן אין שטוב פארקנאקט, מ'האט מורא געהאט ארויסצושטעקן די נאז פון פענסטער , אין בית המדרש בין איך אוודאי נישט געגאנגען, איך האב נישט געלערנט מיט מיין חברותא, אזוי איז דורך טעג וואס איך האב ליידער נישט געהעריג געלערנט"

**זייער שיין. יעצט לאמיר אריבערגיין צום בית המדרש; ווי אזוי און ווען האט זיך געגרינדעט דער בית המדרש אין בית שמש?**

ס'האט זיך אנגעהויבן מיט א שטיק צייט צוריק מיט א צוזאמקום ליל שישי אין איינעמ'ס פריוואטע אפיס, ווי מ'האט אויפגעשפילט א שיעור פון דער ראש ישיבה. נאך א שטיק צייט זעענדיג אז ס'דא מיט וועם צו גיין צום טיש, האט מען אנגעהויבן זיך צוזאמצוקומען אויף שלש סעודות ביי מו"ה יצחק רוטה הי"ו אינדערהיים. שפעטער ווען מ'האט געזען אז ס'איז שוין דא א קארגע מנין האט מען אנגעהויבן דאווענען אויך שבת ביינאכט. שמחת תורה תשפ"ג האט מען געמאכט די ערשטע מאל א מנין אויך אינדערפרי אויף די הקפות, וועגן דעם האט מען שוין שבת בראשית אויך געדארפט מאכן א מנין שבת אינדערפרי כדי צו קענען מאכן די קדישים חתן תורה און חתן בראשית, אזוי איז שוין פון דעמאלט געבליבן די מנין אויף אלע דריי תפילות.

**ווער האט אייך ממנה געווען אלס דער עמטליכער גבאי אינעם בית המדרש?**

איינמאל פאר די יארצייט פון רבי נתן זצ"ל איז דער ראש ישיבה געווען דאהי' אין ארץ ישראל, דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט ביי א שיעור אז מ'זאל זיך צוזאמקומען אין יעדע שטאט צו פייערן א סעודות הילולא, דער ראש ישיבה האט אינמיטן געזאגט "אין בית שמש האבן מיר א גבאי, איך האב אוועקגעשטעלט שלמה מינצבערג"! איך האב נישט געוואוסט אז איך בין גבאי ביז דער ראש ישיבה האט עס מיר דאן אנטפלעקט, און איך ווייס נאכאלס נישט די אורזאך פון די מעשה, אבער אז דער ראש ישיבה זאגט פאלגט מען, מען פרעגט נישט קיין קשיות.

**וואס נעמט אלס אריין אינעם טיטל "גבאי בית המדרש היכל הקודש בית שמש"?**

וויבאלד מיר האבן נאכנישט געהעריג קיין בית המדרש - מיר דאווענען ביי א איד אינדערהיים - דארף איך נאך



דאגה׳נען אז ס׳זאל זיין געגוג אידן אויף אלע תפילות, אויך אמאל ווען מ׳דארף מאכן א מגבית פארן בית הדפוס דאהי אין בית שמש זעץ איך מיך אוועק צוזאמען מיט מו״ה שלמה טעסלער הי״ו - וואס אגב לערנט ער פאר יעדן טאג דעם דף, אויך לערנט ער פאר די שיעור סיפורי מעשיות שבת בייטאג - און אינאיינעם שאפן מיר געלט פארן בית הדפוס (אגב, האט שוין דער שרייבער פון די שורות אפגעהאלטן א שמועס מיט מו״ה שלמה טעסלער הי״ו וואס וועט בעזרת השם ערשיינען און די קומענדיגע וואכן).

**די מתפללים אין אייער בית המדרש געבן איבער אז איר מאכט יעדן זיך שפירן זייער היימיש, ווי אזוי מאכט מען דאס?**

איך בעט אסאך דעם אייבערשטן אויף דעם, איך מיין אז ס׳קומט ווען מ׳געבט פאר יעדע מתפלל די געפיל אז ער פעלט אויס און אז ער געבט צו פארן פראכט און שיינקייט פונעם בית המדרש, וואס דאס איז באמת אזוי, יעדער געבט צו צום בית המדרש.

**אז איך רעד שוין מיט א איד פון ארץ ישראל וואלט איך געוואלט וויסן וויאזוי עס איז אין היכל הקודש בנוגע די ערב רב און זייערע אנהענגער?**

דער ראש ישיבה האלט אין איין רעדן און שרייבן אנטקעגן די ערב רב און זייערע פארטייען, אלע מוסדות היכל הקודש זענען על טהרת הקודש און מ׳איז נישט נהנה קיין זוז כל שהוא פון זיי, אין די מוסדות רעדט מען בלויז אידיש, ווי דער ראש ישיבה האט געשריבן אין א בריוו פאר׳ן מנהל מו״ה יצחק פאפענהיים הי״ו.

עס איז אינטערסאנט אראפצוברענגן וואס דער ראש ישיבה שרייבט אין א בריוו יום א׳ פרשת תצוה, ה׳ אדר, תש״פ פאר איינעם וואס פרעגט וועגן גיין צו די בחירות, וזה לשונו: איך וואונדער זיך זייער אויף דיין שאלה וואס דו פרעגסט, צי דו זאלסט גיין צו די בחירות; וואס איז דיין שאלה בכלל, וואס האסטו מיט די פארשאלטענע מדינה - די ערב רב וואס האבן אויסגע׳שמד׳ט מיליאנען

אידן? דו ווייסט דאך וואס די צדיקים פון די פריערדיגער דור האבן געהאלטן, אז מען טאר נישט נעמען קיין חלק אין די בחירות הטמאות, און דער הייליגער סאטמאר רבי זכותו יגן עלינו שרייבט אינעם הייליגן ספר ויואל משה (מאמר שלש שבועות, סימן קמ) אז גיין צו די בחירות איז ביהרוג ואל יעבור.

דו האסט געלערנט אין ישיבה אלע יארן, בעט איך דיר זייער טייערע..., לאז זיך נישט פארדרייען דיין קאפ מיט די אלע וואס זאגן אז מען דארף גיין צו די בחירות, עס פאסט נישט פון א תלמיד הישיבה צו ווערן פארדריידט; דו האסט דאך געטרינקען פון די אונגארישע ווייין, ווי קומט צו דיר בכלל אזא שאלה? אודאי זאלסטו נישט גיין! זאלסט נישט האבן צו טון מיט זיי, נישט נעמען א חלק אין די מרידה במלכות שמים, נישט דו און נישט דיין ווייב.

דא לייגט מען אריין קנאות אין די קינדער מיט א געזונטהייט אויף א שיינעם וועג. אויך האט מען געזען

> עס פאסט נישט פאר א תלמיד הישיבה צו ווערן פארדריידט; ווי קומט צו דיר בכלל אזא שאלה?

וואס האט ווי געטון פאר מוהרא״ש ווי מ׳האט געליינט די בריוו וואס איז געווען ציטירט דא אינעם קרית ברסלב בלעטל וואס מוהרא״ש שרייבט די אמת וועגן ציונות. דער ראש ישיבה ברענגט אסאך מאל אראפ פונעם הייליגן סאטמאר׳ע רבי זי״ע בנוגע ציונות, אויך האב איך געזען א בריוו אין אשר בנחל ווי מוהרא״ש שרייבט אז מ׳דארף האבן א שיעור אין ספר הקדוש ויואל משה וואס דאס איז די שלחן ערוך פארן היינטיגן דור.

**געוואלדיג, אזוי קלאר און שיין ארויסגעברענגט! וויאזוי באנעמט איר זיך צו איינעם וואס האלט אנדערש פון אייך לגבי פירן דעם בית המדרש און ער טיילט אייך איין וואס צו טון?**

מ׳קען קיינעם נישט אפ׳פסל׳ען, אסאך מאל קען יענער אויפמערקן ריכטיגע זאכן, מ׳דארף אלעמאל הערן פון א צווייטן און געבן פאר יענעם די געפיל אז מ׳פארשטייט אים, איך בין דאך נישט דער גרעסטער בעל





שכל! ווייל איך טראג דעם טיטל גבאי מיינט נאכנישט אז איך דארף יענעם אוועקמאכן, ותשועה ברוב יועץ, און טון טוט מען וואס ס'איז ריכטיג.

**בעפאר א שיינע שבת אדער יום טוב פרעגט איר דעם ראש ישיבה ווי אזוי זיך צו פירן אדער איר האט שוין גענוג שימוש?**

געווענליך שיקט דער ראש ישיבה א בריוו פאר אלע גבאים מיט פונקטליכע אנווייזונגען ווי אזוי זיך צו פירן, און עפעס וואס איך ווייס נישט פרעג איך מו"ה יצחק פאפענהיים הי"ו - גבאי בית המדרש היכל הקודש ברסלב אין ירושלים עיה"ק תובב"א.

איר האט שוין אמאל באקומען א געוויסע הוראה פון דער ראש ישיבה לגבי דעם בית המדרש?

דערווייל נאכנישט. אבער א פסק האב איך יא זוכה געווען צו באקומען... פארוואס מען מאכט נישט קיין געהעריגע בית המדרש.

**אלס איינער וואס האט א באצויבערנדע זיסע שפראך וואס וואלט איר געוואלט איבערגעבן פאר די לייענער?**

רוב לייענער זענען דאך פון די קהילה היכל הקודש, וויל איך ענק אויפמערקזאם מאכן אז דער ראש ישיבה רעדט זייער שיינע זאכן, פראקטישע עצות און חיזוק ברוחניות ובגשמיות, דארף מען נאר זען צו פאלגן, איינער וואס פאלגט בתמימות ובפשיטות זעט גאר שיינע זאכן ועולמך תראה בחייך.

נאך איין זאך וואלט איך געוואלט זאגן, דאס איז א הארציגן יישר כח פאר די שיינע מערכת פונעם קרית ברסלב בלעטל, עס איז אזוי שיין אזוי ציענד, ביי מיר אינדערהיים לייענט מען נישט קיין אנדערע צייטונגען נאר דעם קרית ברסלב בלעטל, ס'ליגט אזוי פיל יראת שמים, אזוי הייליג און ריין, עס איז פאר אלע יארגענג מיט אזוי פיל תוכן, באמת א דאנק!

**א גרויסן יישר כח פארן אוועקגעבן פון אייער טייערע פארנומענע צייט, א גוט שבת און אסאך הצלחה!**

# COVERAGE FOR ALL YOUR NEEDS.

## Protecting your family and your property is our top priority.

We are proud to offer diverse and affordable products to help you better protect your family and your property. Let us help you today!









## Protection that matters

- Travel Insurance
- Bop Programs
- Casualty
- Commercial Auto Liability & Garage
- Commercial
- Environmental Liability
- Excess/ Umbrella
- Marine & Inland Marine
- Personal Lines
- Professional Liability
- Property
- Workers' Compensation

## Salz & Associates LLC

212-725-9467
212-SALZ INS
esalz@salzandassociates.com
salzandassociates.com

# קלאסיפיידס

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM












New
item

KB Seamstress

Adjustable Strap reflectors for ladies and kids.
price $5.50.
Call L Weberman
845-662-4083

א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידוש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.
אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.
רופט לייבי ראטה - 347-578-4449

## ברית גמ"ח

צו באקומען א ברית
סעט בשעת א שמחה.

רופט משפחת בוים
347-786-1767

צו באקומען פרישטאג
פאר א קימפעטארן

רופט משפחת בוים
347-786-1767



# מעשיות פון תפילה

ל. וואסערמאן
קרית ברסלב

איך בין געגאנגען צו א דענטיסט אפוינטמענט, איך האב מיטגענומען מיין בעבי,

איך בין געווען באזארגט אויב די בעבי וועט וויינען אינמיטן די אפוינטמענט און דער דאקטער וועט ווערן בייז, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז זי זאל אדורכשלאפן די גאנצן צייט פון ווען מען הייבט אן ביז מען ענדיגט.

שכח אייבערשטער אז זי איז געשלאפן די גאנצע צייט, און די מינוט וואס איך האב געענדיגט האט זי זיך אויפגעוועקט.

ל. וואסערמאן
קרית ברסלב

איך האב געדארפט וויכטיג האבן א קאר סערוויס אין שטעטל אבער עס איז נישט דא קיין טעקסי.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן א וועג צו אנצוקומען צו דעם לאקאציע, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז פונקט יענעם טאג האט איינער ארויסגעשיקט א טעקסט אויף די שטעטל גרופ אז עס איז דא איינער וואס האט יעצט אנגעהויבן צו טון קאר סערוויס.

איך האב זיי אנגערופן און ברוך השם זיי האבן געהאט א קאר פאר מיר אנצוקומען.

ח. פערל
ירושלים

מיר האבן א לעפטאפ פאר הפצה צו מאכן די עצתו אמונה מתורגם און דער גליון היכל הקודש. לעצטנ'ס מאכט עס אביסל פראבלעמען, עס ציינד זיך יא אן, עס ציינד זיך נישט אן. יעדעס מאל וואס עס פאנגט אן צו ארבעטן איז א עקסטערע מעשה פון תפילה.

פאריגע וואך האט זיך עס בשום אופן נישט געוואלט אנצינדן, מען האט פרובירט אויף די וועג און אויף יענע וועג, אבער עס גייט נישט בשום אופן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן "העלף עס זאל זיך אנצינדן אז מען זאל קענען ווייטער ארבעטן, און אויף אז אלעס וואס מען האט שוין געארבעט זאל נישט גיין לאיבוד".

איך האב צוגעזאגט אז איך וועל מפרסם זיין די מעשה פון תפילה אין 'שטעטל בלעטל' און שכח אייבערשטער ביז אפאר מינוט האט זיך עס אנגעצינדן און מען האט געקענט ווייטער ארבעטן אויף דעם.

יישר כח אייבערשטער אז מיר האבן די עצה צו רעדן און בעטן פון דיר אלעס וואס מען דארף.



845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com

## פאר די ברסלב'ע שטוב

א. פאפנהיים

# פורים קטן

"דעמאלט פארוואס הייסט עס פורים???" קען נתי נישט פארשטיין.

"ווייל פורים קטן קען מען זיין זייער זייער פריילך" – פראביר איך אים מסביר זיין.

"וואס הייסט?" – דארף יוסי וויסן – "יעדן טאג קען מען זיין זייער פריילך?"

"טאקע, אבער ביי פורים שטייט 'כל הפושט יד נותנים לו' - מען קען בעטן דעם אייבערשטן וואס מען וויל, פורים קטן קען מען בעטן דעם אייבערשטן וואס מען וויל,"

נתי קוקט מיר אן ווי פון הימל אראפגעפאלן, "מיין רבי זאגט אז מען קען יעדן טאג בעטן דעם אייבערשטן וואס מען וויל..."



אוי, מיינע ברסלב'ער חברה..

***

"א גוט מארגן! קינדערלעך
מען דארף שוין אויפשטיין!
מען גייט שוין גיין אין חדר!"

יוסי עפנט א האלבע אויג און מאכט עס צוריק צו, נתי דרייט זיך אויס אויף די אנדערע זייט, איך ווארף א בליק אויפן זייגער, נאך דא אפאר מינוט איך וועל גיין צוגרייטן פרישטאג, אה, איך הער איינער גייט שוין אראפ פון בעט, לאמיר זען ווער שטייט אויף אזוי פלינק?!

אה... שרה'לע קריכט ארויס פון בעטל... אוי... אויך די בעיבי הייבט זיך אן צו אויפוועקן, הייליגער באשעפער העלף אז די קינדער זאלן אנקומען באצייטנ'ס אין די מוסדות, יעדער אויף זיין פלאץ רואיג און צופרידן...

די אינגלעך האלטן נישט ביים אויפשטיין... טאטע זיסער! געב מיר א גוטע עצה ווי אזוי זיי צו דערוועקן...

"אה! קינדערלעך, ווער ווייסט וועלכע טאג איז היינט???"

יוסי עפנט ענדליך גרויסע נייגעריגע אויגן, נתי שטעקט ארויס זיין קאפ פון אונטערן דעקע...

"קומטס אפגיסן עגל וואסער
וועל איך
ע נ ק



אויסזאגן... היינט איז גאר גאר א פריילעכער טאג... היינט איז ... פורים קטן!!!"

נתי הייבט אן צו לאכן: "וואס? היינט איז שוין פורים???" יוסי שפרינגט שוין אויפן בעט: "א מחיה! היינט איז פורים!" פייגי' שטעקט אריין איר קאפ אין צימער: "מאמי! היינט איז פורים? אבער מיין כלה קלייד איז נאך ביי מומע דבורי'..."

שוין איז זי אויסגעצויגן אויפן פלאר, שטויסט מיט די פיס און הייבט אן צו וויינען... איך – וויל – זיין – א – כלה ....

אוי ווי איז מיר! "קינדערלעך... היינט איז נישט די עכטע פורים, היינט איז נאר פורים קטן!"

יוסי פארשטייט נישט, "אבער מאמי, אלעמאל איז דא א פורים קטן?"

"ניין, נאר ווען עס איז דא צוויי מאל חודש אדר - דאס רופט זיך א עיבור יאר, דעמאלט איז דא איינמאל פורים קטן - א קליין פורים, און נאכדעם קומט די עכטע פורים – פורים גדול."

"אה"... נתי לאזט אראפ זיין קאפ, "היינט איז נאר א קליינע פורים"...

" יוסי, קוק דא איז דיינע וועש לאמיר זען ווי שנעל דו קענסט זיך אנטון..."

"מאמי!!! פורים קטן פארשטעלט מען זיך נישט??? מען גייט פשוט וואכעדיג???"

"יא, פורים קטן טוט מען זיך אן וואכעדיג".

פייגעלע שטילט איין איר געוויין, און איך גיי צו צו איר, "קום שעפעלע, לאמיר דיר אפגיסן דיינע הענטעלעך, אמת, דו ווילסט זייער שטארק זיין א כלה???"

זי שאקלט צו מיט איר קאפ, "איין טאג וועט מען גיין צוזאמען צו מומע דבורי נעמען די כלה קלייד, און ווען עס גייט זיין די עכטע פורים גייסטו זיין א עכטע כלה!!!"

"אבער מאמי! קיינער גייט היינט נישט פארשטעלט?" לאזט זי נישט נאך.

"ניין! מען פארשטעלט זיך נאר ביי די עכטע פורים..."

" יוסי! אזוי שנעל ביסטו גרייט! דו ביסט א עכטער וואוילער אינגל!!! נתי דא איז דיינע שיך, קום זיך שנעל אנטון און איך וועל דיר קענען קרייזלען דיינע פיאות."

"אבער מאמי! פורים קטן שיקט מען משלוח מנות???"

"ניין"

"און טאטי ווערט שיכור?"

"אויך נישט"

"דעמאלט פארוואס הייסט עס פורים???" קען נתי נישט פארשטיין

"ווייל פורים קטן קען מען זיין זייער זייער פריילעך" – פראביר איך אים מסביר זיין.

"וואס הייסט?" — דארף יוסי וויסן – "יעדן טאג קען מען זיין זייער פריילעך?"

"טאקע, אבער ביי פורים שטייט 'כל הפושט יד נותנים לו' - מען קען בעטן דעם אייבערשטן וואס מען

איך יאג קוים אן דאס מינימום... איך וואלט שוין געמעגט טראכטן פון באקן המן טאשן... פון די פורים'דיגע סעודות... משלוח מנות... דערווייל טו איך נאר אזעלכע פשוט'ע קליינטשיגע זאכן,

וויל, פורים קטן קען מען בעטן דעם אייבערשטן וואס מען וויל,"

נתי קוקט מיר אן ווי פון הימל אראפגעפאלן, "מיין רבי זאגט אז מען קען יעדן טאג בעטן דעם אייבערשטן וואס מען וויל..."

אוי, מיינע ברסלב'ער חברה...

"ווייסט וואס קינדערלעך, יעצט דארף מען שוין לויפן אין חדר, עס ווערט שפעט. ענק וועלן פרעגן אייער רבי וואס ס'איז פורים קטן, און ווען ענק וועלן אהיימקומען וועלן ענק מיר דערציילן".

"א גוטן טאג!!! לערנט פלייסיג!!!"

זייערע קשיות האט מיר גוט פארדרייט דעם קאפ...

לאמיר קודם שנעל אויסרישן און אפטראגן די קליינע אויף זייער ארט, נאכדעם וועל איך האבן צייט צו טראכטן... אויפן וועג אהיים האט מיר עס אנגעהויבן צו גרידשען אין מח אויפן העכסטן נומער, וואס איז באמת פורים קטן??? איך בין זיכער אז דער ראש ישיבה שליט"א האט שיינע שיעורים אויף דעם טאג, און אז מוהרא"ש שרייבט גרויסע זאכן אויף פורים קטן, אבער ווען בין איך די לעצטע מאל אנגעקומען אויסצוהערן א שיעור נארמאל פון אנהייב ביזן סוף??? קוים די קונטרס עצתו אמונה האב איך צייט צו ליינען.

איך גיי זיך אנגרייטן פרישטאג, קוק וואס דא טוט זיך... איך יאג קוים אן דאס מינימום... איך וואלט שוין געמעגט טראכטן פון באקן המן טאשן... פון די פורים'דיגע סעודות... משלוח מנות... דערווייל טו איך נאר אזעלכע פשוט'ע קליינטשיגע זאכן, דא אביסל וועש, דא עפעס אויף נאכטמאל... סתם עפעס א קליינטשיגע פרוי וואס טוט גארנישט אויף אויף די וועלט...

סתם עפעס א קליינשטיגע פורים... נישטא קיין מאסקעס, שיכורים, מוזיק אין די גאסן...

איך פיל זיך יעצט אזוי ווי דעם פורים קטן... אזוי נעבעכדיג... וואכעדיג...

עס זעט טאקע אויס א פשוט'ע וואכעדיגע טאג, אבער מיט דעם אלעמען הייסט עס פורים... איך ווייס נישט פארוואס, און איך האף אז היינט, אפשר טאקע לכבוד פורים וועל איך יא אנקומען צו הערן אדער ליינען עפעס א גוט'ס זיך אויפצופרישן.

און אויב נישט?! אויב מיין טאג וועט זיך ווייטער אויסרינען מיט וועש און עסן און רוימען קומט מיר נישט צו זיין פריילעך???

יא, איך טו טאקע אזעלכע קליינטשיגע זאכן, אבער איך גיי צולייגן א קליינער שמייכל — לכבוד דעם קליינעם פורים, און פון אלעס צוזאמען וועט ווערן א ווארעמער ליכטיגער היים — פאר מיין מאן, מיינע קינדער און דער — עיקר — פאר מיר אליין.



# א גוטע גוסטע

דער ראש ישיבה שליט"א האט ביי א שיעור פארציילט פון זיין חשובע באבע מרת רחל לאה טייטלבוים ע"ה, ווי זי פלעגט אלץ זאגן: "תשובה פאר פרייען איז צו זיין מער געלוינט, צו זיין אין א גוטע גוסטע".

נעכטן בין איך געקומען,
צו א שיעור פונעם ראש ישיבה.
געווארן בין איך איבערגענומען,
מיט געפילן פאזיטיווע.

ווי א וואנדערער אין מִדבר,
געשלינגען יעדע ווארט.
אמונה אזא אור,
עס נאגלט צו צום ארט.

לאמיר אויפרישן דעם שיעור,
פארציילן אייך פאר דיר.
געווען איז דער שמועס,
וואס פאר פרייען תשובה איז.

נישט תעניתים מערער
נישט סיגופים שווערער.
צום באשעפער צוריק קום,
מיט פרייד אין שובבי"ם.

דער באשעפער שטייט און שטוינט,
ווען דו ביסט אביסל בעסער געלוינט.
יא, דו ביסט מסוגל,
א שמייכל כאטש אין שפיגל.

באשעפער איך וויל ארבעטן אויף אט די מדה,
עס זאל ווערן מיין שטארקע נקודה.
העלף מיר איך וויל טון תשובה,
איינקריצן די ווערטער פונעם ראש ישיבה שליט"א



לעידיס אקזילערי טוהט אהערשטעלן:

# דער־ ווארעמט אייך!

# midwinter warm-up party




| | | | |
|---|---|---|---|
| exciting raffles! | לייכטע refreshments | Special door prize for donations from $75 and up | געשמאקע פראגראם |

| Boro Park | Liberty | Staten Island | Williamsburg | Linden, New Jersey |
|---|---|---|---|---|
| דינסטאג יח' אדר א' | מאנטאג - כ"ד אדר א' | דינסטאג- יח' אדר א' | דינסטאג -יח' אדר א' | דינסטאג -יח' אדר א' |
| Tuesday - February 27 | onday- March 4 | Tuesday - February 27 | Tuesday - February 27 | Tuesday - February 27 |
| 9:00 pm | 8:30 pm | 9:00 pm | 9:00 pm | 9:00 pm |

| Toms River | Monsey | Monroe | Tosh | Jersey City |
|---|---|---|---|---|
| דינסטאג- יח' אדר א' | מאנטאג -יז' אדר א' | מיטוואך- יח' אדר א' | מיטוואך- יח' אדר א' | מיטוואך- יח' אדר א' |
| Tuesday - February 27 | Monday - February 26 | Wednesday - February 28 | Wednesday - February 28 | Tuesday - February 27 |
| 9:00 pm | 9:00 pm | 9:00 pm | 9:00 pm | 9:00 pm |

**RESEVE THE DATE**

IDEA. 8457769664

## ברסלב׳ס חידות

**ווען דער הייליגער רבי איז צוריק געקומען פון ארץ ישראל האט דער רבי געזאגט: איך האב אייך געברענגט א מתנה**

א. כבוד
ב. ישועות
ג. מחלוקת
ד. א אמת'ע גארטל

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט: איך גיי טאקע אויף א נייע וועג אבער די נייע וועג

**פירט צוריק צום אלטן וועג!**

*געווונער פון פאריגע וואך*

**פייגי אינדיג תחי' - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נ | פ | ר | ו | ח | צ | ג | י | י | נ | כ | ט | נ | ד | כ |
| ה | א | י | ד | ט | פ | א | ו | י | כ | ב | ו | א | ש | ר |
| פ | ד | מ | ס | ז | ו | י | ב | ע | ר | ט | נ | ט | ג | ג |
| י | ז | ו | ע | ט | א | ג | ס | פ | ע | ו | נ | נ | נ | א |
| נ | ז | י | כ | נ | י | ל | א | ג | ט | ע | ש | ו | ח | ו |
| נ | ה | ל | י | י | ט | פ | נ | ע | מ | א | ט | א | ז | י |
| פ | י | ע | י | נ | צ | א | ג | א | ו | כ | ד | ג | ל | ס |
| כ | נ | ש | נ | ה | ט | נ | ג | ו | א | ד | י | מ | ס | ש |
| ק | ו | י | ט | ט | א | נ | פ | צ | ה | צ | ע | נ | י | ו |
| ו | פ | י | ו | ח | ד | א | ש | ש | ו | כ | ט | ו | פ | ו |
| ר | נ | ס | ז | י | כ | י | ו | מ | י | ש | ז | ר | ו | ע |
| ג | י | ז | א | ג | נ | ד | ש | ל | ר | א | א | ק | ז | נ |
| ל | מ | ע | ו | ע | ק | נ | ר | ע | ע | ד | ו | ל | י | ק |
| י | ב | צ | ד | ב | ט | ע | ב | ת | א | ס | ז | נ | י | ע |
| ו | ז | ד | נ | נ | ט | י | ד | י | ז | פ | ד | א | נ | נ |
| ג | י | ד | ד | ט | י | ה | ד | ז | ו | ע | ב | כ | ל | ע |
| ר | י | ע | י | א | צ | א | ר | ו | י | ס | ז | א | ג | נ |
| א | י | י | ר | מ | א | ו | נ | ה | ו | כ | ס | ג | ד | ק |
| ק | ג | י | ע | ס | ר | ו | ז | ו | מ | ע | נ | ס | ט | נ |
| ז | כ | ד | נ | נ | ק | ו | ו | י | ת | ב | ש | ב | י | ל |

**ערליכע אידן גייען אנגעטון זויבער און ריין, ערליכע אידן געבן אכטונג נישט צו גיין אנגעטון שמוציג, ערליכע אידן באדן זיך יעדן טאג. אזוי ווי חז"ל זאגן: "רוחץ אדם פניו ידיו ורגליו בכל יום בשביל קונו - א מענטש זאל זיך אפוואשן יעדן טאג זיין פנים, הענט און פיס". אזוי אויך דארף מען זיך יעדן טאג אויסשווענקען די מויל פאר מען גייט ארויסזאגן דעם אייבערשטנ'ס נאמען, עס זאל זיין בקדושה ובטהרה.**

(עצבת אמונה פרשתכי תשא תשפ"ב)

## טרעף די וועג

טרעף די וועג צו פינדן די ציין פארן גיין שלאפן!





## שיחות פון רבי'ן — פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?




### ענטפער פון פאריגע וואך

ר' נתן האט אמאל געזאגט פאר איינעם: "איינגערמאן, לערן ליקוטי מוהר"ן וועלן די ווערעם אין קבר נישט צוקומען צו דיר!"

## א שטיקעלע ספר המדות

# אַהֲבָה

**יב. הָעוֹבֵד מֵאַהֲבָה, זְכוּתוֹ מֵגֵן עַד אַלְפַּיִם דּוֹר.**

וֶוער עֶס דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל עֶר הָאט לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זַיין זְכוּת מֵגִין זַיין בִּיז צְוֵויי טוֹיזְנְט דוֹרוֹת.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות: "דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

# קינדער טאלאנטן



וועלוי משה און אהרלע מינצבערג פראבירן
פארעכטן דעם עירוב אין קרית ברסלב



אליעזר שלמה וועבערמאן
קרית ברסלב



אברהם יהודה יאקאבאוויטש
קרית ברסלב



פייגי פינטער- קרית ברסלב



נחמן נתן בלום - קרית ברסלב



יואלי און יצחק יעקב מארקוס



נחמן און יוסי ראבינאוויטש



מאיר פוקס און אליעזר שלמה שטיינבערג



אליעזר שלמה לעווי - וויליאמסבורג

# מַעֲשֶׂה פון תְּפִלָּה
# פַאר קִינְדֶער

פיגא שרה קרדוזו תחי' - קרית ברסלב




רבקה וועבערמאן תחי' - קרית ברסלב



# בילדער אפטיילונג






קרעדיט: שמעון פיש

דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט די בחורים אין ישיבה - ג' תרומה תשפ"ד



קרעדיט: יעקב ארי' רובין

תנאים פון החתן שמואל פאלאק נ"י - מוצש"ק משפטים תשפ"ד





אסיפות הורים אין שטעטל - ד' תרומה



דער ראש ישיבה ביים געבן א שיעור פאר די בחורים אין שטעטל ביים נאכט סדר נאכן שיעור הלכה



קרעדיט: נתי לב

פרישע פאלעט פאפיר אנגעקומען צום בית הדפוס אין בני ברק - ב' תרומה תשפ"ד

קרעדיט: שמעון פיש





א שיעור אין ישיבה





ביים אויספרובירן א נייע קארטלעך געים וואס גייט ארויסקומען דורכ'ן בית הדפוס

קרעדיט: יואל הכהן





פארשריט ביים מקווה אין ליקוטי מוהר"ן שול

קרעדיט: אייזיק ראטה





קידוש לבנה מוצש"ק תרומה

די קינדער אין שטעטל לערנען פלייסיג אין די צופרי שעות

# בילדער
## ארכיוון

### יום טוב פורים
### תשע"ה











